בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

שבת תשובה - יום כיפור

תשפ"ז

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



שבת תשובה • יום הקדוש • הילולא דצדיקיא

# י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא בספר 'טבריא של מעלה' שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

## די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.
ביהמ"ד ערת יראים וויען
1350 50 St.
ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה לאקער #405
Bedford Cor. Park
כתר רזשודעיקא
801 Bedford Ave.
מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.
שיינער'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואוד**

כתר רזשודעיקא
12 America Ave.
ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.
ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג
25 Havens Ave.
ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

## אינעם גליון:


3 מאמר פתיחה
6 שבת תשובה
9 כי קדוש היום
12 כל נדרי
16 תפילת נעילה
19 תשובה
25 וכולם מקבלים
27 יארצייטן


## פרנס הגליון

נתנדב לז"נ
הרה"ק רבינו **יואל**
בן הרה"ק רבינו **חנני' יו"ט ליפא** זצוקללה"ה מסאטמאר
ע"י **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
ולזכות ברכה והצלחה בכל ענינים

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

יום כיפור
תשפ"ז
גליון 46

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן תשפ"ו אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## מאמר פתיחה

# א זכי' צו קוקן אויף אונז - הַזַּךְ!

### דער מזון פון עולם הבא אום יום הקדוש

"כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" (ויקרא טז, ל). מיר טרעטן יעצט אריין אין א הייליגן טאג וואס די תורה הקדושה מעיד אויף דעם "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" - מיר שטייען יעצט כביכול פאַר'ן אייבערשטן אליין.

דער הייליגער **אר"י הקדוש** אין 'שער הכוונות' (דרוש א') איז מסביר, אז א גאנץ יאר ווערט א מענטש ניזון פון גשמיות'דיגע מאכלים דורך די פינעף חושים. אבער, **ווען עס קומט דער הייליגער טאג יום הקדוש, גייען מיר אריין אין א בחינה פון 'עולם הבא'**. פונקט ווי אין עולם הבא געפינען מיר אז "צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה", און דארט איז "אין בו לא אכילה ולא שתיה", אזוי אויך כלל ישראל אין דעם טאג גייט אריין אין עולם הבא. דער אר"י הקדוש זאגט אז מיר ווערן יעצט געשפייזט פון א העכערן עולם, דאס איז 'עולם הבא'.

### זיך מקשר זיין דורך די פינעף תפילות

פרעגט דער הייליגער אר"י הקדוש: **ווי אזוי קען איך זיך מדבק זיין צו עולם הבא, אז אונזער נשמה און אונזער גוף זאלן ווערן ניזון דערפון?**

זאגט דער אר"י הקדוש אז עולם הבא איז א פנימיות'דיגע וועלט. ממילא אין יום הקדוש גיי איך נישט ניזון ווערן פון די חיצוניות'דיגע חלק פונעם מענטש און נישט פון זיין גשמיות'דיגע חלק, נאָר דורך די 'הבל' פונעם מענטש - דעם הבל פיו. דהיינו, דורך די הייליגע 'פינעף תפילות' וואס איך גיי דאווענען מיט א הארץ און מיט כוונה, "ואשפוך את נפשי לה'", מיר גייען זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן בבחינת "שפכי כמים לבך", מיט דעם הבל פיו גיי איך ווערן ניזון, און דאס קומט במקום די פינעף עינויים. **די פינעף תפילות געבן דעם מזון פאר'ן מענטש אין דעם הייליגן טאג יום הקדוש**.

אין אזא הייליגן טאג ווען מיר גייען אריין אין עולם הבא - א וועלט וואס אין **זוהר הק'** ווערט עס אנגערופן "עולם הבינה" - לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין ווי אזוי מיר קענען זיך אנקניפן אין דעם טאג, לסבר את האוזן, ווי אזוי קענען מיר ארייננעמען אין זיך די הרגשה אז מיר שטייען "לפני ה' תטהרו".

ווען מיר פרובירן ארויסצוגיין אביסל פונעם נפש הגשמי און פונעם גוף הגשמי, און אריינגיין אין א העכערן מושג, כדי מיר זאלן האבן כאטש א אפס קצהו, א שטיקל 'בית יד' פון א 'כלי' ווי אזוי אריינצוגיין אין אזא הייליגן טאג וואס די תורה הקדושה מעיד אויף דעם "לפני ה' תטהרו".

### דער הרגש פון שטיין פאר'ן רבוש"ע

ווען מען זאל פרעגן א מענטש, **ווי אזוי וואלסטו געשפירט ווען די שבעה רועים, די הייליגע אבות הקדושים, שיקן א משלחת אז זיי ווילן רעדן צו דיר און זיי ווילן דו זאלסט קומען פאר זיי?** פארשטייט זיך אליין אז דער הרגש וואס מיר וואלטן דעמאלטס געשפירט איז אומבאשרייבליך.

ווען מיר וואלטן אנגעקומען אהין און געשטאנען פאר די

הייליגע אבות, און זיי וואלטן אונז געזאגט חיזוק ווערטער און דברי שבח, און ארויסגעוויזן אז זיי זענען אינטערעסירט אין אונז און ווילן אונז ארויסהעלפן ברוחניות ובגשמיות, וואלטן מיר ממש געווען אין א מצב פון דעם העכסטן תענוג און לעכטיגקייט וואס א מענטש וויל גרייכן אין זיין לעבן.

**דאס איז יום הקדוש, "לפני ה' תטהרו". דער אייבערשטער כביכול זוכט יעדע אידיש קינד און זאגט אים: "יום הקדוש שטייסטו פאר מיר! איך וויל הערן וואס דו האסט צו זאגן, איך וויל הערן דיין ווידוי און דיין קבלה אויף להבא. איך וויל דו זאלסט אויסגיסן דיין הארץ, "שפכי כמים לבך", און איך וויל דיר אנוואונטשן א גוט געבענטשט יאר און דיך חותם זיין בספר החיים!"**

## די מעשה פונעם 'חפץ חיים' און דעם הייליגן 'לשם'

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה וואס וועט אונז אביסל אריינברענגען אין דעם אוויר און אין דעם הרגש היום.

דער הייליגער **'חפץ חיים'** זי"ע - וואס רבי ברוך בער זי"ע שרייבט אין א בריוו אז זיין רבי, דער הייליגער רבי חיים בריסקער זי"ע, האט געזאגט אויף אים אז **"ווען דער בית המקדש זאל זיין אויפגעבויט וואלט דער חפץ חיים געווען דער כהן גדול!"** - פלעגט זאגן פאר מענטשן אז אויב זיי האבן א מעגליכקייט, זאלן זיי פאָרן צו די שטאט 'שאוויל'. דארט וואוינט דער מלאך ה' צבאות, דער הייליגער **'לשם'**, רבי שלמה אלישוב זי"ע, דער בעל מחבר פון די ספרים 'לשם שבו ואחלמה', און מען זאל גיין זען זיין הייליגע צורה. דער חפץ חיים האט געזאגט אזוי: "אויף דער וועלט קענט איר נאך זען זיין צורה, אבער אויף יענע וועלט ווייס איך נישט צי איך וועל האבן די זכיה אים צו זען".

מיר דארפן וויסן אז מען רעדט דא פון עמיצער וואס דער **אלטער פון נובהרדוק** זי"ע - וואס איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פון רבי ישראל סאלאנטער זי"ע און א גיבור שבגבורים וואס האט אויפגעשטעלט צענדליגער ישיבות בפומבי און זיך געשלאגן מיט דער רוסישער ארמיי און דעם רוסישער צאר בריש גלי אָן קיין מורא - האט געהאט פאר אים א מורא'דיגע ביטול.

ווען זיי זענען אמאל אריינגעקומען מוצאי שבת מיט ביקסן אין די הענט און געוואלט מאכן א 'פאגראם' אין די ישיבה, האט ער פונקט געהאלטן ביי הבדלה. זיין דביקות איז געווען אזוי שטארק, אז דער **סטייפלער** זי"ע (וואס איז געווען זיין תלמיד מובהק) האט מעיד געווען אז **קיין איין טראפ וויין פונעם בעכער איז נישט ארויסגעפאלן!**

פונדעסטוועגן, דער גיבור שבגבורים, דער צדיק יסוד עולם, דער אלטער פון נובהרדוק, ווען ער איז געגאנגען לערנען סתרי תורה ביים הייליגן 'לשם' טיף אינמיטן די נאכט, איז ער געגאנגען זיך אפרוען אין דעם דרויסנדיגן צימער (מען האט נאָר געקענט אריינגיין צום 'לשם' דורך דעם צימער וואו דער אלטער איז געשלאפן).

**פלוצלינג האט ער געהערט א צווייטע קול און געזען א מורא'דיגע ליכטיגקייט, און פאר שרעק איז ער אראפגעפאלן פון בעט... ער האט געהערט ווי נשמות קומען לערנען מיט'ן הייליגן 'לשם' פון עולם העליון.**

דאס איז די ערשטע מעשה איבער דעם צדיק וואס דער חפץ חיים האט געהייסן גיין זען זיין צורה.

עס זענען אבער געווען נאך יראים ושלמים וואס דער חפץ חיים האט געזאגט אז עס איז א זכיה זיי צו זען אויף דער וועלט, ווייל אויף יענע וועלט און ווען משיח וועט קומען ווייסט ער נישט צי מען וועט האבן די זכיה. ווער זענען זיי געווען? הערט די מעשה.

## די מסירות נפש פון די אמעריקאנער בחורים אין ליטא

מיר ווייסן אז אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה האבן פון איין זייט אין אייראפע געבליט ישיבות. ובתוכם די מירער ישיבה, סלאבאדקע, פינוביז', די ישיבה פונעם חפץ חיים אין ראדין, און נאך פילע גרויסע ישיבות אין די געגענטער פון ליטא. פון די אנדערע זייט וועלט איז געווען על אדמת אמעריקע אסאך אידישע קינדער, און צווישן זיי געוויסע וואס זענען געגאנגען מיט מסירות נפש לערנען קיין אייראפע אין די ליטווישע ישיבות, און שפעטער זענען זיי אויסגעוואקסן ענקי הרוח וגדולי ישראל.

לאמיר אויסרעכענען עטליכע: רבי חיים פנחס שיינבערג זצ"ל, וואס איז געווען איינער פון די גרעסטע גדולי הדור און האט מחבר געווען די באקאנטע ספרים 'טבעת החושן', 'משמרת חיים' און נאך פילע ספרים וואס האבן באלאכטן כלל ישראל, איז געבוירן געווארן אין אמעריקע און איז געפארן לערנען קיין אייראפע. אזוי אויך דער באקאנטער צדיק יסוד עולם, רבי אביגדור מיללער זצ"ל וואס באלייכט די וועלט עד היום, איז געבוירן אין אמעריקע און געגאנגען לערנען קיין ליטא. הרב גיפטער זצ"ל, דער ראש ישיבה פון טעלז, און נאך פילע אנדערע. צווישן זיי איז אויך

געווען דער מירער ראש ישיבה אין אמעריקע, דער געוואלדיגער גאון בכל התורה כולה, רבי שמואל בירנבוים זצ"ל. ער איז געגאנגען צוזאמען מיט נאך עטליכע חברים לערנען אין דער מירער ישיבה אין שטעטל מיר אין ליטא, און זיי זענען אויך געגאנגען צום הייליגן חפץ חיים נעמען א ברכה.

ווען זיי זענען אריין צום הייליגן חפץ חיים, וואס איז שוין דעמאלטס געווען אין זיינע עלטערע יארן, האט מען אים געזאגט אז ס'זענען געקומען בחורים פון אמעריקע לערנען אין מיר. אפילו דער חפץ חיים איז געווען זייער שוואך, האט ער געבעטן מען זאל זיי אריינברענגען.

דער הייליגער חפץ חיים האט זיך דאן אויסגעדריקט מיט די ווערטער:

**"בחורים פון אמעריקע לאזן איבער די אמעריקאנער ערד צו גיין לערנען תורה אין מיר? איך וויל זיי זען, איך וויל זען זייער צורה!"**

ער האט ווייטער געזאגט: "**אויף דער וועלט קען איך זען אייערע פנים'ער, אבער אויף יענע וועלט און ווען משיח וועט קומען, ווייס איך נישט צי איך וועל האבן די זכיה אייך אנצוקוקן!**"

## דער חיזוק פון אונזער דור

**לאמיר זיך פאָרשטעלן ווי אזוי דער היליגער חפץ חיים וואלט געווען בשמחה אונז צו זען אין דער היינטיגער דור. מיר דארפן שפירן די געוואלדיגע זכי' אז מיר גייען אָן מיט אזא שטארקייט מיט אונזער אידישקייט, אז דער חפץ חיים וואלט אונז אוודאי געוואלט אָנקוקן!**

פון די צייטן פונעם חפץ חיים ביז היינט איז די וועלט דורכגעגאנגען פילע גלגולים, און די נסיונות פון היינטיגע צייטן זענען נישט צום באשרייבן.

ווען מיר קומען אריין אין ביהמ"ד דעם יום הקדוש, ווארפן מיר אוועק אלע שטותים און נארישקייטן, מען קומט אריין איינגעהילט אין טלית און קיטל, מען נעמט ארויס דעם מחזור און מען גיסט אויס דאס הארץ צום אייבערשטן. מען זאגט: "**רבוש"ע! שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, איך דאנק דיר וואס איך בין אנגעקומען צו א טאג וואס דו גייסט מיר אפוואשן מיינע עבירות**". מען זאגט דעם 'אשמנו' מיט אזא מין שמחה, און מען בעט דער אייבערשטער זאל מוחל זיין. דארפן מיר שפירן ווי געוואלדיג אונזע מדריגה איז! אז אפילו אין אזא דור השפל ווילן מיר אזוי שטארק זיין נענטער צום באשעפער!

דער הייליגער חפץ חיים זאגט אז אונזערע צורות איז א זכיה אנצוקוקן. לאמיר אריינטראכטן: ווי אזוי האבן זיך יענע בחורים געפילט ווען דער חפץ חיים האט זיי געזאגט אז עס איז א זכיה זיי אנצוקוקן? עס האט זיי זיכער געגעבן א חיזוק שאין לשער ואין לתאר.

ווען מיר קומען אריין אין ביהמ"ד אין די הייליגע טעג, פילן מיר זיך אסאך מאל צעבראכן. מיר טראכטן ביי זיך: "איך גיי יעצט שטיין פארַן רבוש"ע און זאגן 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתכם', איך גיי אויסשרייען 'לפני ה' תטהרו', און מען קוקט אויף זיך אליין און מען טראכט מיט ווייטאג: "אוי, קוק אָן ווי אזוי איך זע אויס".

אבער פון די אנדערע זייט דארף מען האבן א געוואלדיגע 'התחזקות'. מיר געפינען זיך אין אזא דור וואס דער הייליגער חפץ חיים האט געזאגט אז **עס איז א זכיה אונז אנצוקוקן**, און מיט דעם חיזוק גייען מיר אריין צום הייליגן טאג. מיט א שטאלץ גייען מיר זאגן:

**"רבוש"ע, אפילו אין אזא דור, אפילו אין אזא גלות און מיט אזעלכע נסיונות, קום איך צו דיר, איך זאג וידוי, איך בין זיך מקבל אויף להבא מיט אזא שטארקע אהבה, און איך זאג 'שהחיינו'!"**

און בעזרת השם וועלן מיר זוכה זיין צו "לפני ה' תטהרו, אמן!

# די געוואלדיגע קדושה פון שבת תשובה און די כח פון תשובה אויף שבתים פון א גאנץ יאר

### דער נאמען ״שבת תשובה״ און מקור

דער נאמען ״שבת תשובה״ ווערט שוין דערמאנט אין די ראשונים. דער **רא״ש** אין מסכת ראש השנה (פרק ד' סי' י״ד), און דער **ר״ן** אין מסכת ראש השנה (דף יב, ב דערמאנען שוין די געוואלדיגע גרויסקייט פון דעם שבת וואס ווערט אנגערופן שבת תשובה. אויך דער **מהרי״ל** אין הלכות עשרת ימי תשובה שרייבט אז דער שבת הייסט שבת תשובה. אזוי אויך להלכה, זאגן דער הייליגער **בית יוסף** מיט'ן **דרכי משה** אין סימן תכ״ח אז דער שבת הייסט שבת תשובה, בפרט צוליב די הפטורה פון ״שובה ישראל״ וואס מען ליינט דעמאלטס.

בפשטות, דער טעם פארוואס עס הייסט שבת תשובה שטייט אויך אין **לבוש**, ווייל עס איז איינע פון די טעג פון עשרת ימי תשובה. ספעציעל שטייט אין ספר **קצה המטה**, אז כידוע שטייט פונעם הייליגן **אר״י הקדוש** אז יעדן טאג פון די עשרת ימי תשובה טוט מען מתקן זיין דעם זעלבן טאג פון א גאנץ יאר: זונטאג איז מען מתקן אלע זונטאגס פון א גאנץ יאר, מאנטאג אלע מאנטאגס, ועל זה הדרך אלע זיבן טעג צווישן ראש השנה מיט יום הקדוש.

זאגט דער קצה המטה, אז **ווען עס קומט שבת, איז דער שבת מתקן אלע שבתים פון א גאנץ יאר. אויב אזוי פארשטייט מען שוין פארוואס עס הייסט ״שבת תשובה״.**

אין אזא געוואלדיגן שבת זוכט יעדער איינער א מורא'דיגע התעלות, יעדער וויל נתעלה ווערן, און ווערן נענטער צום באשעפער. מיר ווילן דא אראפברענגען א געוואלדיגען מעשה וואס וועט אונז געבן א ריכטיגן בליק און א געוואלדיגע ישוב הדעת ווי אזוי מען דארף צוגיין צו אזא שבת קודש.

### א ריכטיגע בליק ווי אזוי צו צוגיין צו שבת: די מעשה פונעם ראחמיסטריווקא רבי'ן זי״ע מיט'ן חתן

די מעשה האב איך געהערט פון ידידי הרה״צ **רבי מרדכי פנחס טווערסקי** שליט״א, דער ראש ישיבה פון ראחמיסטריווקא ישיבה אין אמעריקע, וועלכער האט עס געהערט פונעם בעל המעשה אליין, וואס דאס האט פאסירט מיט זיין זיידן, הרה״ק דער **ראחמיסטריווקא רבי** זי״ע, בעל 'אמרות טהורות'.

די מעשה איז געווען מיט א חתן פאר זיין שבת אויפרוף. ער איז געווען א חשוב'ער בחור וואס האט זיך געווייקט ביים ראחמיסטריווקער רבי'ן ז״ל, און ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן פאַר'ן שבת אויפרוף בעטן א הדרכה. ער קומט אריין צום רבי'ן און פרעגט אים אזא שאלה: **״וואס זאל איך אינזין האבן דעם שבת אויפרוף? איך וויל אויסנוצן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין״.**

עס איז געווארן שטיל אין צימער. דער רבי ז״ל, וואס כידוע, כל רז לא אניס ליה בנגלה ובנסתר, ובנוסף לזה האט ער משמש געווען אבותיו וזקניו הקדושים לבית ראחמיסטריווקא אין ירושלים עיר הקודש, ווי אויך האט ער זיך מסתופף געווען ביי די צדיקי ירושלים - ביי ר' שלמה'קע זוועהילער, ביים טשעבינער רב, ביי די אדמו״י גור, און ביים הייליגן בעלזער רב זי״ע, ועוד נקיי הדעת שבירושלים. און ווען ער איז אנגעקומען דא קיין אמעריקע, איז ער כידוע געווען א חברותא און איז געווען חביב כבבת עינו ביי זיין גרויסן שווער, דער הייליגער סקווערער רבי זי״ע.

און טראץ דעם אלעם וואס ער האט פארמאגט אזעלכע געוואלדיגע ידיעות און שימוש צדיקים, און איז אליין געווען א צדיק יסוד עולם, איז ער פון די אנדערע זייט געווען א מורא'דיגער איש אמת און א געוואלדיגער מחנך. ווען עס איז אריינגעקומען א שאלה, אדער ווען ער האט געדארפט אוועקשטעלן א זאך מיט אַן אמת'קייט און מיט א פשטות, איז ער געווען א יחיד בדורו.

רופט ער זיך אָן צום בחור, צום חתן, כדרכו בקודש מיט א צהלת

פנים און מיט א געוואלדיגער ענוות חן, און פרעגט אים:

**"א געהעריגן שבת ווייסטו יא ווי אזוי אויסצונוצן?..."**

עס איז געווארן שטיל אין צימער... נאך עטליכע רגעים ענדיגט צו דער רבי: **"אז דו ווייסט זען אויסצונוצן דעם שבת ווי א געהעריגן שבת, וועט מען דיר שוין פון הימל משפיע זיין אלע השפעות מלמעלה וואס דארפן קומען צו א שבת אויפרוף".**

דער בעל המעשה האט דערציילט פאַר'ן ראחמיסטריווקער ראש ישיבה, אז יעדן ערב שבת ווען ער טוט אן דעם שטריימל, דערמאנט ער זיך פון דעם מעמד, און דאס גיט אים א געוואלדיגע התעוררות אריינצוגיין אין יעדן שבת קודש!

## ארבעטן אויף די 'רגילות' און זיך מחזק זיין אין די קדושת השבת

מען קומט אריין אין שבת תשובה, דאס הארץ קאָכט! יעדע אידישע נשמה ברענט! אבער **מיר דארפן וויסן אז אין דעם שבת תשובה דארפן מיר תשובה טון אויף דעם וואס מיר ווייסן נישט וואס "שבת" מיינט...** דעם שבת תשובה דארפן מיר זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון שבת קודש. עס איז זייער מעגליך אז עס הייסט שבת תשובה ווייל מיר דארפן תשובה טון אויף דעם וואס מיר פארשטייען בכלל נישט די באדייט פון שבת קודש א גאנץ יאר.

און בעזה"י, ווען מיר וועלן אפרעכטן דעם שבת קודש ווי עס דארף צו זיין - אזוי ווי עס שטייט אויף שבת קודש "מוחלין לו כל עוונותיו", "כל האומר ויכולו נעשה שותף למעשה בראשית", "ניצול ממלחמת גוג ומגוג", "ניצול משעבוד מלכיות", מען ווערט געראטעוועט פון דעם גאנצן עול הגלות און פון אלע מיני שוועריקייטן, און "נותנין לו נחלה בלי מצרים", ועוד ועוד. עס זענען דא אָן א שיעור מאמרי חז"ל אין גמרא, זוהר הקדוש און מדרשים וואס רעדן איבער די געוואלדיגע קדושה פון שבת קודש. ווען מיר וועלן זיך אויפפירן ווי עס פּאַסט פאר שבת קודש און מיר וועלן תשובה טון אויף אונזער שבת, דעמאלטס וועט מען אונז פון הימל אריינשיינען די אלע געוואלדיגע זאכן פון שבת תשובה.

שבת תשובה וויל יעדער אידיש קינד זוכה זיין צו שפירן עפעס מער ווי יעדער שבת. נאָר, דער שאלה וואס מיר דארפן פרעגן איז, צו **"שבת א גאנץ יאר, ווייס איך דען יא וואס דאס איז?..."**

## שבת תשובה - הכנה ליום הקדוש

עס שטייט פונעם הייליגן **רוז'ינער** זי"ע אויפ'ן פסוק (ישעיה נח, יג) "אִם תָּשִׁיב מִשַּׁבָּת רַגְלֶךָ, עֲשׂוֹת חֲפָצֶיךָ בְּיוֹם קָדְשִׁי וגו'". אז אויב א מענטש וועט תשובה טון שבת קודש פאר יום הקדוש, און ער וועט תשובה טון אויף זיינע 'רגילות'ן', געוואוינהייטן, אויף אלע זאכן וואס ער דארף פאררעכטן, דעמאלטס זאגט דער אייבערשטער צו: "עֲשׂוֹת חֲפָצֶיךָ" - איך וועל ממלא זיין דיין רצון "בְּיוֹם קָדְשִׁי", ווען עס וועט קומען יום הקדוש.

**דערפאַר הייסט עס שבת תשובה, ווייל דער שבת איז א מורא'דיגער זמן. אויב דו וועסט אריינלייגן כוחות אין דעם שבת, וועלן אלע טויערן זיין אָפן ווען עס וועט קומען יום הקדוש.**

כידוע וואס עס שטייט אינעם הייליגן '**בית אהרן**' זי"ע, סיי אין די מאמרים פאר ראש השנה און שבת פאר ראש השנה, און סיי ביי שבת הגדול און שבת תשובה, אז **פאַר'ן יו"ט דארף מען האבן א הכנה, און דער 'עיקר הכנה' איז דער שבת קודש וואס קומט פריער**. שבת קודש איז "מקראי קודש", מען רופט דעם יו"ט דורך דעם שבת וואס איז פאר דעם יו"ט.

## די השתוקקות פון א אידיש הארץ און די שאלה: ווי אזוי בין איך א מחותן מיט שבת?

יעדער אידיש קינד, ווען עס קומט שבת תשובה, וויל טון תשובה אויף דעם ווי אזוי זיינע שבתים זענען אויס. עס הויבן אָן דורכצוגיין מחשבות און הרגשים אין הארץ: **"געוואלד! ווי אזוי האב איך אפגעראכטן מיינע שבתים דאס יאר?"** און עס קומט אריין א געוואלדיגע השתוקקות אז להבא וויל ער פירן א שבת קודש ווי עס דארף צו זיין.

יעדער איינער איז משתוקק אז זיין שבת קודש זאל דאס 'הודו' זיין ווי א פלאקערדיגע פייער, און די 'לכו נרננה' מיט די מזמורים זאָלן ברענען מיט אַן אש קודש. יעדער וויל מאכן קידוש פרייטאג צונאכטס און פילן ווי א 'שותף למעשה בראשית'. **ווען מען זאגט די הייליגע זיבעציג ווערטער פון קידוש, זאגט דער הייליגער אר"י הקדוש אז דאס זענען זיבעציג קרוינען - לויט די ווערטער, און מיט די זיבעציג קרוינען, קרוינען מיר כביכול דעם אייבערשטן און מיר קרוינען די הייליגע נשמה!**

יעדער אידיש קינד וויל אריינגיין אין שבת מיט א ברען. יעדער וויל קאכן אין אַ אהבה רבה. יעדער וויל אויפשטיין שבת פארטאגס. יעדער וויל לערנען

שעות ארוכות פאר שחרית שבת קודש. יעדער וויל שבת נאכמיטאג אריינהארעווען שעות ארוכות, לערנען די הייליגע גמרא, חסידישע ספרים, ספרי מוסר און ספרי יראה. אבער די שאלה איז: **ווי אזוי קום איך בכלל אריין? איך בין אזוי צעבראכן, ווי אזוי בין איך דא א מחותן מיט'ן שבת?**

**"איך ווייס אז איך דארף תשובה טון, איך ווייס אז איך דארף פארריכטן ווי אזוי איך פיר זיך אויף שבת קודש, אבער ווי אזוי גיי איך בכלל אריין? ווי אזוי בין איך א מחותן מיט שבת קודש?"**

## די געוואלדיגע בשורה פון רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע: יעדער איד איז א מחותן מיט "ישמחו במלכותך"

דער תירוץ אויף דעם איז מיט א מורא'דיגע מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן **רבי ר' בונם פון פשיסחא** זי"ע. דעם סיפור האט איבערגעגעבן דער הייליגער **'שפת אמת'** זי"ע, וואס ער האט עס געהערט פון זיין זיידן דער הייליגער **'חידושי הרי"ם'** זי"ע.

פרייטאג צונאכטס ביים טיש זענען די הייליגע חבריא קדישא פונעם הייליגן רבי ר' בונם געזעסן סביב לשלחן רבן און נהנה געווען מזיו השכינה. פלוצלינג האט דער הייליגער רבי ר' בונם געפרעגט א מורא'דיגע קשיא: א איד פרעגט א שאלה, מיט וואס בין איך א מחותן מיט שבת קודש? מיט וואס האב איך א שייכות צו "ישמחו במלכותך"? מיר ווייסן דאך אז שבת קודש איז 'שרביטו של מלך', און די הלכה איז אז א גוי ששבת חייב מיתה. קומט דאך אויס אז שבת איז דער שפיץ מלוכה פונעם אייבערשטן, "וגם במנוחתו לא ישכנו ערלים" - א גוי וואס היט שבת איז חייב מיתה ווייל ער ווערט באטראכט ווי א מורד במלכות.

אויב אזוי, **ווי קומסטו אריין אין דעם קעניגליכן פאלאץ? ווי קומט א פשוט'ער איד צו זיין א מחותן מיט דעם "ישמחו במלכותך"?**

האט דער הייליגער רבי ר' בונם געענטפערט: אין די תורה הקדושה שטייט (שמות לא, יד) "מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת". רבי ר' בונם האט מסביר געווען אז ווען די תורה זאגט 'מחלליה מות יומת', איז דער טעם ווייל דו האסט מחלל געווען די מלכות שמים. ער האט ווייטער ממשיך געווען אז אין דעם פסוק פון 'מחלליה מות יומת' שטייט נישט קיין שום חילוק צי דו ביסט דער צדיק הדור, א גרויסער תלמיד חכם, א קליינער תלמיד חכם, אדער אפילו א פשוט'ער עם הארץ, א פויער וואס ארבעט א גאנצן טאג אין פעלד.

האט דער הייליגער רבי ר' בונם אויסגעפירט מיט אַן אש קודש:

**"אויב דו ביסט א מחותן מיט 'מחלליה מות יומת', ביסטו אויך א מחותן מיט 'ישמחו במלכותך'!"**

דאס מיינט אז דער הייליגער רבי ר' בונם האט אונז דא אויסגעלערנט 'פשוט' ווי אזוי צו לערנען א פסוק חומש.

אויב דער אייבערשטער זאגט אז שבת איז אַן איסור סקילה, און ס'איז נישט קיין חילוק אין וואספארא מצב דו געפינסט דיך - אפילו אין דעם טונקעלן און נידריגן מצב וואו דו האלטסט - האסטו דען נישט קיין חיוב צו היטן שבת?

למשל, אז עמיצער ווערט גיין צו די 'סנהדרין' פרעגן: "איך בין דאך א פשוט'ער פויער וואס ארבעט א גאנצן טאג אין פעלד, איך שנייד ווייץ און איך פאשע די לעמעלעך, שעפעלעך און ציגעלעך. טוישט דאס די הלכה פון מחלליה מות יומת?", ווערט די סנהדרין ענטפערן אז אפילו אַן עובד אדמה וואס פאַשעט בהמות איז פונקט אזוי מחויב, און ביי אים איז אויך נוגע דער עונש פון 'מחלליה מות יומת'.

זאגט דער רבי ר' בונם: אויב דו ביסט אזוי חשוב אז דער רבוש"ע זאגט אז 'מחלליה מות יומת' גייט אויך ארויף אויף דיר, איז דאס א סימן אז דו ביסט פונקט אזוי א מחותן מיט 'ישמחו במלכותך'.

דער הייליגער חידושי הרי"ם האט דערציילט, אז **ווען די הייליגע חבריא האט געהערט דעם וואָרט פונעם הייליגן רבי ר' בונם, האבן זיי באקומען אזא התחזקות אז זיי האבן געטאנצן א גאנצע נאכט ביז'ן עלות השחר!...**

## די התעוררות און שמחה אריינצוגיין אין שבת תשובה

אצינד קומט שבת תשובה, און מיר דארפן תשובה טון אזוי ווי דער הייליגער ראחמיסטריווקער רבי ז"ל האט געזאגט: צי ווייסטו דען וואס א געהעריגע שבת איז? ווייסטו ווי אזוי דאס אויסצונוצן? אין שבת תשובה דארף מען אריינלייגן כוחות עצומות צו דערהערן די באדייט פון שבת. און אויב דו פילסט דיך צעבראכן און טראכסט "איך ווייס נישט ווי אזוי מ'גייט אריין אין א געהעריגע שבת", זאלסטו זיך דערמאנען פון די מעשה פונעם הייליגן רבי ר' בונם, אזוי ווי דו ביסט א מחותן מיט 'מחלליה מות יומת', ביסטו אויך א מחותן מיט 'ישמחו במלכותך', און דאס ווערט דיך ברענגען צו טאנצן מיט שמחה ביז'ן עלות השחר...

און אז דו ווערסט אריינלייגן כוחות צו דערהערן וואס א שבת קודש איז א גאנץ יאר, ממילא ווען

מען דיר משפיע זיין פון הימל די הארות פון אָט די שבת תשובה.

**דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, און א דערהויבענע שבת תשובה!**

## בי קדוש היום

# דער כח פון יעדן איד צו ברענגען משיח אום יום הקדוש

## יום הקדוש - יום מחילה לדורות

אין פסוק שטייט (ויקרא טז, ל) "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ". אין אזא הייליגן טאג איז מען זוכה צו מחילת עוונות. עס איז ידוע וואס עס שטייט אין חז"ל, דער **טור** ברענגט אראפ פון **פרקי דרבי אליעזר**, און דער **ר"ן** איז מאריך אין דעם, אז יום הקדוש האבן מיר זוכה געווען אז דער רבוש"ע האט געזאגט, "ויאמר ה' סלחתי כדברך".

נישט נאָר דעם וואס דער אייבערשטער האט מוחל געווען דעם דור דעה, נאָר **דער אייבערשטער האט עס דעמאלטס קובע געווען אלס א יום מחילה לדורות**. ווי די הייליגע **משנה** אין סוף מסכת תענית זאגט: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים", און ווי די גמרא זאגט, עס איז א יום מחילת עוונות וואס דער אייבערשטער איז מוחל די עבירות.

די **גמרא** זאגט אין מסכת יומא (פו, א) אז עס זענען דא ד' חלוקי כפרה. יום הקדוש, יום כיפור, האט אין זיך אזא כח אז אפילו א "לא תעשה שיש בו כרת", ווערט עס מכפר דורך תשובה און יום כיפור. מיר גייען יעצט אריין אין א הייליגן טאג וואס יעדער מענטש ווערט אויסגעוואשן, עס איז אזוי ווי מען באקומט אין די פּאָסט א מעלדונג אז די באנק האט מוחל געווען א חוב פון צען מיליאן דאלאר, וואס דער מענטש וואלט געטאנצן פאר שמחה! וכל שכן וכל שכן ווען מען רעדט דא פון חטאים, עונות און פשעים, און כל מיני גזירות ווערן צעריסן און אפגעמעקט, איז אוודאי און אוודאי די שמחה אין לשער.

און טאקע וועגן דעם מאכן מיר א ברכת "שהחיינו" מיט אזא שמחה ביים כניסת היום. ווי אויך עסט מען ערב יום כיפור, עס איז דא א מצוה צו מאכן א סעודה, ווי דער הייליגער **רבינו יונה**, דער הייליגער **רמ"ק**, און דער הייליגער **של"ה הקדוש** זענען מסביר, אז די שמחה עצומה איז ווייל מיר מאכן א סעודה אויף דעם יום מחילת העוונות וואס גייט זיין יום הקדוש.

## דער גילוי פונעם ישמח משה: יום כיפור אלס דער שליסל צו די גאולה

מיר וועלן זען בעזה"י נאך געוואלדיגע אוצרות וואס געשעט אין אָט די הייליגע טאג פון יום הקדוש.

דער הייליגער **'ישמח משה'** זי"ע אין פרשת אמור איז אונז מגלה א גילוי נפלא אויפ'ן פסוק (ויקרא כג, לב) "שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הוּא לָכֶם... מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם". זאגט דער הייליגער ישמח משה אז **יום הקדוש איז יעדער איד זוכה אז ער האט דעם כח צו ברענגען משיח, ער איז בכח צו ברענגען די גאולה שלימה!**

בעזרת השם וועלן מיר מרחיב זיין דעם דיבור.

## פארוואס שבת קודש ברענגט מחילת עוונות: שותפות במעשה בראשית

מיר ווייסן דאך אז ביי שבת קודש זאגט די **גמרא** אין מסכת שבת (קיח, א), אז שבת קודש האט אזא כח, "**כל השומר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו**". חז"ל זאגן (שם קיט, א) אז יעדע פרייטאג צונאכטס "שני מלאכים מלוים לו לאדם", זיי באגלייטן דעם מענטש, און ווען מען קומט אָן צו זיין שטוב און מען זעט דעם טיש מיט די גאנצע הויז אז אלעס איז אנגעגרייט, טוען זיי אנוואונטשן דעם מענטש און מען זאגט דעמאלטס "וסר עונך וחטאתך תכופר", זיינע עבירות ווערן נמחל.

שטעלט זיך די שאלה: **וואס איז דער ביאור הענין אז שבת קודש איז מען מוחל אלע עבירות?**

עס שטייט פונעם הייליגן **'שפת**

**אמת'** זי"ע אין די מאמרים אויף שבת תשובה, און אין נאך אסאך אנדערע ספרים הקדושים, אז מיר ווייסן וואס די גמרא זאגט דארט אין מסכת שבת, אז יעדע פרייטאג צונאכטס ווען א איד מאכט קידוש און ער זאגט "ויכולו השמים והארץ וכל צבאם", ער זאגט עדות אויף בריאת שמים וארץ און ער גלייבט באמונה שלימה אז דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט, ווערט כביכול אזא נחת רוח ביים אייבערשטן, אז דער רבוש"ע זאגט אז **דו ווערסט א שותף במעשה בראשית.**

און ווי דער הייליגער **אור החיים הקדוש** איז מסביר, אז ווען א איד היט שבת און ער מאכט קידוש און זאגט עדות אויף בריאת שמים וארץ, מאכט 'ער' ממש א פרישע בריאה. 'ער' לייגט אריין א פרישע חיות אין די בריאה פאר די נעקסטע זעקס טעג. און דער אור החיים הקדוש זאגט, אז אויב א איד וואלט נישט געהיטן שבת - און מען רעדט יעצט נאך פאר מתן תורה, אין די צייטן פון די אבות הקדושים - **אויב עס וואלט נישט געווען קיין שמירת שבת אויף די וועלט, וואלט די בריאה נישט געקענט ווייטער אנגיין!** ער איז מסביר אז דאס איז דער פשט פון "שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ", אז דורך שבת, "וַיִּנָּפַשׁ", לייגט מען אריין א נפש אין די בריאה אז זי זאל קענען אנגיין ווייטער פאר זעקס טעג.

קומט אויס, אז שבת קודש איז א איד מעיד עדות אויף שמים וארץ, ער איז מעיד מיט אַן אמונה ובטחון אז דער רבוש"ע איז בורא ומנהיג לכל הברואים. און דער אייבערשטער האט גערוהט שבת, און דורך דעם ווערן מיר א שותף למעשה בראשית.

מיר ווייסן דאך אז ווען עמיצער זאגט עדות דארף ער זיין כשר לעדות, ער טאר נישט האבן קיין שום עבירה. ווי אויך איז מובן אז כדי צו ווערן א 'שותף להקב"ה' דארף מען זיין ריין פון עבירות, ווייל דער אייבערשטער גייט נישט זיין קיין שותף מיט א בעל עבירה. ממילא זאגט דער שפת אמת, **דעריבער האט דער אייבערשטער געמאכט אז יעדע שבת זאל מען מוחל זיין די עבירות פון יעדן אידיש קינד.**

ווייל ביי קידוש גייט מען זאגן עדות אויף בריאת שמים וארץ און מען גייט ווערן א שותף למעשה בראשית, און מען קען נישט זאגן קיין עדות און מען קען נישט ווערן א שותף לבריאת שמים וארץ אויב מען איז פסול לעדות אדער אויב מען האט געטון אַן עבירה, דארף מען מאכן זיכער אז דעם מענטש זענען נמחל געווארן אלע עבירות.

עס ווערט געברענגט אין חיד"א, אז **דער הייליגער אור החיים הק' פלעגט דורך לערנען גאנץ 'הלכות עדות' פאר'ן מאכן קידוש יעדער פרייטאג צונאכטס, כדי צו זיין 'כשר לעדות' פאר ער מאכט קידוש!**

## די קדושה פון יום כיפור און איר השפעה אויף משיח

יעצט לאמיר גיין צום יום הקדוש.

יום הקדוש זאגט דער רבוש"ע "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם". און ווי מיר האבן שוין אראפגעברענגט די גמרא, אפילו עבירות שיש בהן כרת ווערן מכופר און יום הכיפורים, ווי דער הייליגער רמב"ם ברענגט אראפ אין הלכות תשובה. דארף מען פארשטיין, **וואס איז דער ביאור הענין אז מען איז אונז מוחל די אלע עבירות?**

מיר וועלן יעצט זען א שטיקל ישמח משה און פארשטיין דעם ביאור הענין.

זאגט דער הייליגער ישמח משה: אין פסוק שטייט "מערב עד ערב תשבתו שבתכם", יום כיפור זאלסטו שובת זיין "שבתכם" - דיין פריוואטע שבת. פרעגט דער הייליגער ישמח משה, **וואס איז דער לשון "שבתכם", אייער פריוואטע שבת?** בפרט ווען מיר ווייסן דאך אז שבת קודש איז קבוע וקיימא.

זאגט דער הייליגער ישמח משה, מיר אלע ווייסן דאך וואס די גמרא זאגט אין מסכת ביצה (יז, א) און אין ברכות (מט, א), אז דער חילוק צווישן שבת און יום טוב איז אז ביי שבת איז עס קבוע וקיימא. שבת ווערט אנגערופן "שבת לה'", ווייל עס ווענדט זיך נישט צי אידישע קינדער זענען מקדש דעם שבת צי נישט.

דער הייליגער **סידורו של שבת** איז מאריך אין שורש א', און ער ברענגט דארט אראפ פונעם ספר **'שערי גן עדן'**, אז אום שבת ווערן אלע עליות העולמות און אלע תיקונים פון זיך אליינס. נאָר די עבודה פון א איד איז ער זאל דאווענען, ער זאל מקדש זיין דעם שבת, ער זאל מאכן קידוש אויפן וויין, עסן די סעודות שבת און טון אלע מצוות היום, כדי בשעת די אלע זאכן ווערן געטון אין אלע עולמות, זאל ער קענען נשפע ווערן פון די הארה וואס ווערט אפגעטון אין אלע עולמות.

לאמיר דא צוריקגיין צום ענין: שבת קודש איז קבוע וקיימא, עס ווענדט זיך נישט אין קידוש בי"ד און נישט אין קידוש החודש. וועגן דעם זאגן מיר אין די תפילה "מקדש השבת" בלשון 'נסתר', ווייל דער אייבערשטער אליין איז מקדש דעם שבת.

אבער **ווען עס קומט יום טוב, זאגט מען "מקדש ישראל**

**"והזמנים", ווייל ימים טובים ווענדן זיך דאך אין קידוש החודש, ממילא ווענדט עס זיך אין אידישע קינדער, דעריבער זאגט מען "מקדש ישראל"**.

די זעלבע זאך איז מיט יום הקדוש, וואס ווענדט זיך אויך אין "מקדש ישראל ויום הכיפורים". ווי די **גמרא** דערציילט אין מסכת ראש השנה (כה, א), די באקאנטע מעשה מיט רבן גמליאל און רבי יהושע, אז זיי האבן געהאט א מחלוקת ווען יום הקדוש געפאלט, וויבאלד דאס האט זיך געוואנדן אין דעם ווען מען האט מקדש געווען דעם חודש תשרי יענע יאר. קומט אויס, אז יום הקדוש ווענדט זיך אויך אין אונזער פריוואטער קדושה.

## צוויי שבתים וואס ווענדט זיך אין יעדער אידיש קינד

יעצט לאמיר גיין ווייטער. זאגט דער הייליגער ישמח משה, אז עס זענען דא צוויי שבתים אין די בריאה וואס ווענדן זיך יא אין דעם אז אידישע קינדער זאלן זיי מקדש זיין. דער ערשטער שבת איז דער "גרויסער שבת", ווי מיר זאגן: "הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים". דאס מיינט ימות המשיח, וואס ווערט אנגערופן "שבת קודש", און דאס ווענדט זיך אין דעם צי אידישע קינדער טוען תשובה.

ווי די **גמרא** זאגט אין מסכת סנהדרין (צח, א), אז רבי יהושע בן לוי האט געפרעגט משיח'ן: "אימת אתי מר?", האט ער אים געענטפערט "היום", און שפעטער האט ער אים מסביר געווען: "היום - אם בקולו תשמעו", אז אויב אידישע קינדער טוען תשובה היינט, קומט משיח גלייך. זאגט דער הייליגער ישמח משה, אז דער שבת קודש פון ימות המשיח ווענדט זיך אין אונז, און מיר זענען דאס מקדש.

זאגט דער הייליגער ישמח משה ווייטער, אז **עס איז דא נאך א שבת וואס ווענדט זיך אין אידישע קינדער און מיר זענען מקדש דעם שבת - דאס איז יום הקדוש**. יום כיפור ווענדט זיך אין בי"ד ווען מען איז מקדש דעם חודש תשרי, דעמאלטס ווערט באשטימט ווען יום כיפור וועט אויספאלן. קומט אויס, אז יום כיפור ווענדט זיך אויך אין אידישע קינדער.

זאגט דער הייליגער ישמח משה בזה לשון קדשו: "**מערב עד ערב כולם צמים ומתענים ומבקשים סליחה ומחילה. ואם יהיה בלי פגימה, בודאי יבא משיח ויהיה יום שכולו שבת**". אז וויבאלד יום הקדוש ווענדט זיך אין קדושת בי"דן, מיינט דאס אז מיר האבן דעם כח צו מאכן א קדושת שבת, א בחינה פון "מקדש ישראל", אז מיר אליין מאכן די קדושה פון יום כיפור.

עס גייט אזוי ווייט, אז **אויב מיר וועלן מקדש זיין די קדושה פון יום כיפור אין יעדן רגע ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין ממשיך צו זיין די קדושה פון "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" פון ימות המשיח, און דורך יום כיפור וועט מען פועל'ן משיח!**

ענדיגט דער הייליגער ישמח משה, אז דער אייבערשטער זאגט פאר יעדן אידיש קינד און בעט ביי אים יעדן יום הקדוש: "**צוותה התורה מערב עד ערב, היינו יום הכפורים שהוא מערב עד ערב**". בעט דער אייבערשטער, "תשבתו", דהיינו איר זאלט מאכן א מנוחה, איר זאלט אפהיטן דעם יום כיפור און מאכן א מנוחה. זאגט דער ישמח משה: "**רצונו לומר שתפעלו שיהיה שבתכם דייקא**", מאכט דעם יום כיפור פאר אייער אייגענעם שבת. וועלכער שבת?

זאגט ווייטער דער ישמח משה: "**שיהיה מעתה יום שכולו שבת**", אז דאס זאל ברענגען משיח.

אין אנדערע ווערטער, דער ישמח משה איז אונז דא מגלה א סוד נפלא: אז **יום כיפור האט אין זיך א כח צו ברענגען משיח. דער רבוש"ע בעט זיך ביי אונז, "איך בעט ביי אידישע קינדער, איר זאלט מאכן דעם יום כיפור און דורך דעם ממשיך זיין און ברענגען משיח!"**

## אונזער פֿליכט און השתוקקות: פועל'ן משיח דורך תשובה

**אויב אזוי פארשטייען מיר זייער גוט פארוואס יום כיפור איז א טאג פון מחילת עוונות.**

ווייל אויב דער פשט איז אז שבת קודש, וואו מיר ווערן א שותף למעשה בראשית פאר די זעקס טעג פון די וואך, דארף מען האבן מחילת עוונות כדי צו קענען באשאפן די וועלט, **כל שכן וכל שכן כדי צו מאכן די בריאה פון "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים", דארפן מיר אוודאי האבן מחילת עוונות פאר אזא טאג**. דאס איז כדי מיר זאלן האבן דעם כח צו ווערן א שותף למעשה בראשית, און דורך דעם וואס מיר וועלן אפרעכטן דעם יום כיפור ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין צו ברענגען די גאולה.

פארשטייט זיך, יעדער איינער וועט זאגן פאר זיך אליין: "**מצד מיר איז שוין גע'פועל'ט, איך בין גרייט, אבער וואס וועט זיין מיט כלל ישראל? און ווער זאגט אז איך וועל זיין אויף אזא מדרגה?**"

דעריבער דארף מען וויסן צוויי זאכן: קודם כל, מ'דארף וויסן אז דער רבוש"ע איז א בוחן כליות ולב, און ער זעט צי דו האסט געטון

דיין חלק.

און אויב דו האסט געטון דיין חלק, איז דא א שטיקל פון הייליגן **'מאור עינים'** זי"ע אין פרשת בראשית וואס זאגט, אז ווען א איד פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין און ער האט משלים געווען זיין חלק אין משיח און אין בנין בית המקדש, זאגט דער הייליגער מאור עינים אַן הבטחה אז עס ווערט ביי אים אין זיין לעבן א בחינה פון **"מעין דלעתיד לבוא"**.

ער זאגט דארט אז **"מבטלין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"**, עס ווערט ממש א בחינה פון 'בזעיר אנפין' א משיח'דיגע לעבן און א בית המקדש'דיגע לעבן אין דיין פריוואטן לעבן. דאס טייטש, אז פלוצלינג וועט אלעס ווערן לעכטיג ביי דיר: דיין לערנען, דיין דאווענען, דיין שבת קודש, די פרנסה, דאס געזונט און די נחת; אלעס וועט ווערן לעכטיג ווייל דו האסט געטון דיין חלק.

עס איז ידוע וואס דער הייליגער **'חובת הלבבות'** אין שער חשבון הנפש זאגט: א מענטש איז נאָר מחויב צו טון וויפיל ער קען, **אבער ווען דו טוסט וויפיל דו קענסט, זאלסטו משתוקק זיין צו מער וויפיל דו קענסט און מתפלל זיין דערויף**. און אויב דו וועסט טון דעם מאקסימום וואס דו קענסט, און דו וועסט משתוקק זיין און דאווענען פאר מער וויפיל דו קענסט, וועט דער רבוש"ע עפענען אלע טויערן אז דו זאלסט גיין מדרגות מעלה מעלה.

ממילא דארפן מיר טון אונזער חלק, מיר דארפן משתוקק זיין און מגלה דעת זיין אז מיר ווילן אפּרעכטן א יום כיפור ווי דער הייליגער ישמח משה האט מגלה געווען - א יום כיפור וואס זאל ברענגען משיח.

און אז מיר וועלן משתוקק זיין און דאווענען דערפאר, וועט "מחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה", און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה הכללית און די גאולה הפרטית, א גמר חתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר בספרן של צדיקים, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו הערן דעם שופר של משיח במהרה בימינו, אמן.

## כל נדרי

# די געוואלדיגע כח וואס מיר שפּירן, און דער 'אור גדול' וואס קומט אראפּ אום ליל יום הקדוש

### די ווערטער פון די צדיקים אויף וואס עס געשען בכניסת ליל יום הקדוש

דער הייליגער **רבי ר' פנחס קאריצער** זי"ע אין 'אמרי פנחס' (שער יום הכיפורים, אות תקל"ז) זאגט, אז פאַר כל נדרי קומט אראפּ אַן "אור גדול מלמעלה", עס קומט אראפּ א מורא'דיגע לעכטיגקייט פון אויבן. דער אור גדול געפינט זיך אין די עולמות עליונים, אבער דארטן איז נישטא א 'כלי' וואס זאל קענען מקבל זיין דעם אור. דער אור גייט ארום אין אלע עולמות און זוכט א כלי וואו ער זאל קענען נתקבל ווערן.

ער זאגט אז **דער אור קומט אראפּ אויף דער וועלט און ס'איז זיך מתלבש אין די טרערן וואס אידישע קינדער פארגיסן ווען עס קומט אריין דער הייליגער טאג יום הקדוש**. וואס דאס ברענגט אראפּ א שפע רוחני וגשמי שאין לתאר.

דער הייליגער **'זרע קודש'** זי"ע שרייבט: **"רואים בחוש שקודם כניסת ליל יום הכפורים נופל אימה ופחד אפילו על הפחות שבישראל"**. ליל יום הקדוש קומט אראפּ אזא מין אור, אז אפילו דער פשוט'סטער איד ווערט נתעורר!

דער הייליגער **'חתם סופר'** זי"ע אין זיינע דרשות רעדט עטליכע מאל וועגן דעם (דרשות ליו"כ דף ל"ג און ל"ה, 'תורת משה' פ' אחרי). ער זאגט א מורא'דיגע בחינה.

מיר ווייסן אז אין פסוק שטייט (ויקרא טז, ל) "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם" - דער אייבערשטער קומט יעצט יום הקדוש און איז מכפר אונזערע אלע עבירות. דער פסוק ענדיגט צו: "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" - מיר שטייען פאַרן אייבערשטן. די לשון פונעם הייליגן חתם סופר איז: **"יום**

**הקדוש, בא יבא אבינו מלכנו יתברך שמו להיכל בית מקדש מעט**". דער רבוש"ע, כביכול, קומט אריין צו אונז אין בית המדרש.

דער הייליגער חתם סופר זאגט דארט פייערדיגע לשונות און פרעגט: **ווי אזוי גייען מיר אויסקוקן? ווי אזוי גייען מיר זיך באווייזן פארן הייליגן באשעפער?**

ענטפערט דער הייליגער חתם סופר, אז היות דער רבוש"ע איז א 'רב חסד', שיקט ער ביי כניסת ליל יום הקדוש אַן 'התעוררות מלעילא'. די לשון פונעם חתם סופר איז: **"הקדוש ברוך הוא שולח עזרו מקודש בזו הרגע"**. דער אייבערשטער העלפט אונז תשובה צו טון פאר יום הקדוש, כדי ווען דער טאג קומט אריין זאלן מיר שוין זיין ריין.

**דאס זענען די געוואלדיגע מינוט'ן און די הרגשים וואס כלל ישראל שפירט ווען יום הקדוש קומט אריין.**

## די התעוררות פונעם הייליגן בעל שם הקדוש: דער קאמף פונעם יצר הרע פאר יום כיפור

מיר וועלן דא אביסל ארומרעדן גאר גרויסע דברים נפלאים וואס טוט זיך אפ בכניסת ליל יום הקדוש, וואס אונזערע הייליגע צדיקים האבן מגלה געווען.

קודם כל, דער הייליגער **בעל שם הקדוש** זי"ע (עס ווערט אראפגעברענגט אין 'כתר שם טוב') האט געזאגט א מורא'דיגע גילוי וואס טוט זיך אפ ביי כניסת ליל יום הקדוש.

מיר אלע ווייסן אז די **גמרא** זאגט אין מסכת יומא (כ, א) אז 'השטן' איז בגימטריא שס"ד (364). פרעגט די גמרא: עס זענען דאך דא שס"ה (365) טעג אין יאר?

ענטפערט די גמרא אז **איין טאג האט דער ס"מ נישט קיין שליטה, און דאס איז יום הקדוש.**

זאגט דער הייליגער בעל שם הקדוש, אז א מינוט פאַר עס קומט אריין יום הקדוש ווערט דער ס"מ אינגאנצן צוגעקאכט. ער טראכט: וואס וועט דא זיין? עס קומט יום הקדוש און זיי גייען ווערן ריין! ער קען דעמאלטס נישט שולט זיין און גארנישט טון. ממילא, דרייט דער ס"מ א 'רעדל'... און **ער פרובירט מיט זיין גאנצן כח צו טון עפעס צו מבלבל זיין דעם מענטש.**

זאגט דער בעל שם הקדוש, אז **די נשמות פון אידישע קינדער שפירן דאס**, ווי דער ס"מ וויל מקטרג זיין און אנדרייען א רעדל. דעריבער ווערן די אידישע נשמות פארציטערט, און עס פאלט א בכיה און אַן התעוררות, כדי מען זאל חלילה נישט אריינפאלן אין די נעץ פונעם יצר הרע.

בעצם, אז מען טראכט אריין אין דעם, ליגן דא גאָר געוואלדיגע סודות. א מענטש טראכט אָפט דורכ'ן יאר: בין איך יא חשוב אין הימל? בין איך נישט חשוב? אסאך מאל טראכט א מענטש ביי זיך: איך פרוביר צו האבן א הרגש ביים דאווענען, א הרגש פון קדושת שבת, א תענוג אין א מצוה, אבער עס גייט נישט. דאס קלאפט א מענטש מורא'דיג אפ, ווייל ער שפירט אז זיין נשמה איז נישט ריין.

אבער ווען עס קומט ערב יום הקדוש און יעדער איד כאפט א ציטער און א יראה, האט אונז דער בעל שם הקדוש מגלה געווען אז דאס איז ווייל אונזער נשמה שפירט אז דער יצר הרע וויל אונז פארדרייען. **אין יענע רגעים ווען מיר שפירן די יראה, דארף א מענטש אויפלייכטן און ווערן מורא'דיג בשמחה, ווייל דאס איז א באוויז אז איך שפיר יא! עס איז א באוויז אז מיין נשמה שפירט יא א רוחניות'דיגע הרגש פון קדושה, והא ראיה - זעעסט דאך איך שפיר יעצט א געוואלדיגע יראה.** קומט אויס אז די ווערטער פונעם בעל שם הקדוש, איסער דעם געוואלדיגן גילוי פון וואס עס טוט זיך אָפּ אין יענע צייט, זענען א געוואלדיגע התחזקות.

אבער מען דארף וויסן, אז בשעת מען גייט אריין אין אזעלכע הייליגע מינוט'ן און מען גייט אריין אין יום הקדוש, דארף מען וויסן אז דער יצר הרע דרייט א קאָפּ.

## דער 'בית אברהם': די סכנה פון מרה שחורה און די עבודה פון תשובה בשמחה

בעצם שטעלט זיך דא א שאלה: דער בעל שם הקדוש זאגט אז דער יצר הרע דרייט א רעדל. אבער **וועלכער איד וויל דען ווערן איבערגערעדט צום יצר הרע ווען עס קומט אריין יום הקדוש? פאלט דען איין ביי א מענטש אין קאפ דעמאלטס אפילו א מחשבה דקה פון א חטא?**

עס איז דא א שמועס פונעם הייליגן '**בית אברהם**' זי"ע (ערב יום כיפור שנת תרצ"א), וואו ער האט געגעבן א פייערדיגע שמועס. (וכידוע האט זיך דער הייליגער **בעלזער רב** זי"ע אויסגעדריקט אופ'ן בית אברהם אז "ער איז געווען א שטיק פייער" - און ווי באקאנט האט זיך דער בעלזער רב נישט געווארפן מיט קיין טיטלען).

האט דער הייליגער בית אברהם דעמאלטס געזאגט א פייערדיגע שמועס, און מיר וועלן נאכזאגן זיין לשון. ער האט נאכגעזאגט פונעם הייליגן **קאברינער** זי"ע:

**"ערב יום כיפור לעת ערב מתרבה המרה שחורה והבכיות"**.

דאס טייטש, דער הייליגער קאברינער זאגט אז מענטשן ווערן

נתעורר לתשובה וליראה, אבער מען דארף זיך מורא'דיג היטן, ווייל דער ס"מ פּאַקט אריין אין די בכיה פון ערב יום כיפור - ווען מען גייט אריין צו כל נדרי - א באהאלטענע מרה שחורה ח"ו.

ער זאגט ווייטער: דער יצר הרע האט א שליטה שס"ד טעג פון יאר, חוץ יום כיפור. ווען עס קומט אָן דער הייליגער טאג, פארגינט ער נישט די אידישע קינדער, דעריבער ווארפט ער אריין א **"דודיא מרה שחורה"** - דאס מיינט א קעסטל מרה שחורה - און ער לאזט זיי איבער דערמיט, כדי מפריע צו זיין די גאנצע עבודת יום הקדוש. ווער עס איז א שוטה, שטארקט זיך נישט דערויף, און דעם גאנצן יום הקדוש ליגט ער אין א מרה שחורה רח"ל.

אבער דער חכם איז בשמחה, ווייל דער עיקר תשובה דארף זיין מיט שמחה. מיט שמחה וועט ער קענען איבערקערן די אותיות פון 'כרת' צו די אותיות פון 'כתר'. דאס איז דער פשט פון "וְגִילוּ בִּרְעָדָה" (תהלים ב, יא). מען דארף דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און מיט יראה, אבער אין פסוק שטייט קודם 'גילו' - ד.מ. שמחה - און ערשט נאכדעם 'רעדה'.

## דער טעם פון די סעודה ערב יום כיפור אלס שמחה של מצוה

האט דער הייליגער בית אברהם ממשיך געווען: וועגן דעם זאגט די גמרא (ברכות ח, ב), "כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי" - אז ווען איינער מאכט א סעודה ערב יום כיפור, ווערט עס אים גערעכנט כאילו ער האט געפאסט צוויי טעג. וואס איז דער ביאור פון דעם?

זאגט דער הייליגער בית אברהם דעם יסוד וואס שטייט אין **'שערי תשובה'** לרבינו יונה, פונעם הייליגן **רמ"ק**, און פונעם הייליגן **של"ה הקדוש**, אז תשובה איז א מצוות עשה (זע אריכות איבער דעם אין מאמר 'תשובה'). ובפרט תשובה אין יום כיפור איז א מצוות עשה, און מיר ווייסן דאך אז א מצוות עשה דארף מען טון בשמחה. **פונקט ווי א כזית מצה, די ד' כוסות, די הגדה, און דעם הלל ביים סדר נאכט וואס מ'זאגט בשמחה, אזוי אויך דארף מען טון תשובה בשמחה און מ'דארף מאכן א סעודה.**

אבער היות מיר קענען דאך נישט מאכן קיין סעודה אום יום הקדוש ווייל מ'דארף דאך פאסטן, ממילא **איז דא א מצוה צו עסן ערב יום כיפור, כדי משלים צו זיין די סעודה מיט דער 'שמחה' אויפ'ן תענית וואס מ'גייט פאסטן מארגן.**

א צווייטע מאל ערב יום הקדוש האט דער הייליגער בית אברהם געזאגט, אז תשובה איז נאָר מיט שמחה. **מרירות** - ווען א מענטש האט א פארביטערט הארץ - **דאס איז בלויז אן עצה אים צוצוברענגען צו תשובה**, אבער נאכדעם דארף די תשובה אליין זיין בשמחה. דאס זענען בערך די הייליגע פייערדיגע ווערטער וואס דער הייליגער בית אברהם האט אונז איבערגעלאזט.

ממילא דארף מען ווייסן, אז ווען עס קומט אריין אזא הייליגע טאג, קומט אוודאי די יראה פון אויבן. ווי מיר האבן געזאגט בשם דעם הייליגן רבי ר' פנחס קאריצער זי"ע, אז די טרערן וואס מ'פארגיסט יעצט זענען א 'כלי' פאַרן אור גדול פון יום כיפור, און אוודאי דארף מען תשובה טון.

אבער ווי מיר האבן שוין געשמועסט אין די אנדערע מאמרים, איז דער עיקר תשובה איז דער חלק פון "קבלה להבא" - דאס איז די הויפט פונקט. "חרטה" איז אויך א חלק פון תשובה, און "וידוי" איז אויך א חלק פון תשובה - ובפרט יום הקדוש איז דא אַן עקסטערע מצות וידוי - אבער **די עיקר נקודה פון תשובה איז קבלה אויף ווייטער**. און די קבלה להבא דארף מען טון מיט א שמחה.

## תשובה אלס א געוואלדיגע רפואה און דאס צוריקנעמען די פארלוירענע שפע

בס"ד וועלן מיר דא צוצייכענען עטליכע מחשבות וואס וועלן געבן דעם מענטש דער כח צו טוען תשובה מיט א שמחה.

די כלל גדול ביי עבודת השם שטייט שוין אין **אור החיים הק'** אז טאמער מען מאכט די זאך געשמאק פאר די 'נפש הגשמי', דעמאלטס גייט די 'נשמה' אויך מיט. ממילא וועלן מיר דא אויסרעכענען אפאר מהלכים וואס וועט מאכן די נפש הגשמי געשמאק צו תשובה טוען:

**א.** וויבאלד אלע צער, צרות און יסורים קומען פון עבירות - קומט אויס אז תשובה מיינט אז דער אייבערשטער איז מוחל א חוב פון צען מיליאן דאלאר!

**ב.** ווי אויך איז מבואר אין די ספרים הקדושים, אז כל זמן א מענטש טוט נישט תשובה, גייען חלילה אלע שפע פון זיינע מצוות צו די סט"א. קומט אויס אז תשובה מיינט אז דער רבוש"ע זאגט אז מ'ברענגט צוריק אלע ניצוצות און די גאנצע שפע וואס די סטרא אחרא האט פארכאפט, און יעצט ברענגט מען צוריק די שפע. מ'ברענגט צוריק די שפע פון געזונט, פרנסה, נחת פון די קינדער, שלום בית, וכו' וכו'.

**ג.** ווי אויך, איידער דער מענטש טוט תשובה זענען אלע געשמאקייטן פון רוחניות פארמאכט, ווייל די סט"א האט

דאס גע'גנב'עט. אבער ווען מען טוט תשובה, קומט צוריק די שפע פון א תענוג אין א 'נשמת שבת קודש', מ'ברענגט צוריק די התמדה פון לערנען שעות רצופות מיט א געשמאק יעדן טאג, און די שפע פון אויפשטיין שבת פארטאגס צו לערנען עטליכע שעה פארן דאווענען מיט א חיות.

די גאנצע גע'גנב'עטע שפע - די מיליאנען וואס די סטרא אחרא האט בארויבט - דאס ברענגט מען יעצט צוריק! דאס איז די געוואלדיגע מעלה פון תשובה, און דעריבער דארף מען עס טון מיט שמחה און ח"ו נישט מיט קיין מרה שחורה.

**ד**. ווי אויך דארף מען צו וויסן, אז **תשובה איז א 'רפואה'**. דער עצם חטא, ווי דער הייליגער **רבי ר' מענדלע** פון **וויטעבסק** זי"ע זאגט, איז אזוי ווי א מענטש וואס איז אראפגעפאלן פון א בארג אין א טאל אריין און האט זיך צעבראכן אלע אברים; דאס איז די עבירה אליין. די עונשים, זאגט ער, זענען די 'אפעראציע'. לויט'ן הייליגן רבי ר' מענדלע זענען די עונשים א 'שְׁפּיל' קעגן דעם חורבן וואס די עבירה אליין טוט צום מענטש.

טאקע דא אויף דער וועלט, בעולם הזה, קען מען נישט אינגאנצן שפירן וואס אן עבירה מאכט אלץ אָן. מ'שפירט נאָר אביסל - מ'פארלירט דעם תענוג אינעם דאווענען, אינעם לערנען, און אינעם שבת קודש.

אבער דאס איז נאָר א 'מעין' פון וואס די עבירה ח"ו טוט. **בעיקר שפירט מען ערשט אויף יענער וועלט די אלע צעבראכענע איברים וואס די עבירה האט ל"ע גורם געווען - אויב מ'טוט נישט קיין תשובה ח"ו**.

צומאל האט מען א זכיה אז פון הימל וועקט מען אים אויף און מ'ווייזט אים אז זאכן זענען נישט בסדר אין זיין סדר היום, אין זיין חיי יום יום, און ממילא וועקט ער זיך אויף לתשובה ווייל ער זעט אז דאס גייט נישט און יענץ גייט נישט. ער דארף א ישועה אין איין ענין אדער אין א צווייטן ענין, און ער פאנגט זיך אָן צו כאפן אז ער דארף תשובה טון. אבער דער עיקר וואס אַן עבירה טוט זעט מען אין די 'עולמות עליונים'. נאך הונדערט און צוואנציג יאר זעט מען וואס אַן עבירה האט אנגעמאכט.

ווען א מענטש טוט תשובה, קומט צו גיין דער בעסטער דאקטער, דער רופא נאמן - "כי קל מלך רופא נאמן ורחמן אתה".

- ער איז א רופא נאמן,
- ער נעמט נישט קיין געלט,
- ער איז דער גרעסטער מומחה.
- ער מאכט די בעסטע אפעראציע,
- און די אפעראציע טוט נישט וויי. מ'איז אין בית המדרש, איינגעהילט אין טלית און קיטל, עס איז אזוי געשמאק, אזוי זיס און לעכטיג. "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'" - מ'רעדט צום אייבערשטן און מ'ווערט אויסגעוואשן!

תשובה איז דאך אזא געוואלדיגע זאך. דער אייבערשטער מעקט אויס די חובות! ער ברענגט צוריק אלע מיליאנען און די גאנצע שפע וואס די סטרא אחרא האט גע'גנב'עט! און ער היילט אויס אלע אברים! א איד האט געטון עבירות - לשון הרע, רכילות, וכדומה - ער איז אראפגעפאלן פון א שפיץ בארג און האט זיך צעבראכן נעבעך אלע אברים. דער רבוש"ע היילט אים יעצט אויס, ער מאכט אַן אפעראציע אום יום כיפור, אבער עס איז אָן יסורים!

עס איז אזוי געוואלדיג! מ'דאווענט, מ'זינגט צום אייבערשטן. ווי דער הייליגער **רבי דוד לייקעס** זי"ע האט געזאגט ווען ער האט געהערט דעם 'זאסלאווער חזן' זינגען דעם וידוי: **"רבוש"ע, ווען נישט די אידישע חטאים, פון וואו וואלסטו געהאט אזא שיינעם 'סלח לנו'? פון וואו וואלסטו געהאט אזא שיינעם 'על חטא'?..."**

דערפאר, אין די הייליגע מינוט'ן פון כניסת ליל יום הקדוש, ווען מיר קומען יעצט טון תשובה, לאמיר זיך נישט לאזן פארדרייען פונעם יצר הרע מיט זיין מרה שחורה ח"ו. לאמיר עס טון בשמחה, מיט זיסקייט און מיט לעכטיגקייט.

# א גרויסע גאסט - 'אברהם אבינו' איז דא!

### די גרויסקייט פון תפילת נעילה און די ריינקייט פון א אידישע נשמה

מיר ווייסן אז א אידיש קינד האט א נשמה, און די נשמה איז לויטער און ריין. נאך א זאך ווייסן מיר, אז דער אייבערשטער האט אראפגעשיקט די נשמה אויף דער וועלט, נישט נאָר כדי מען זאל זיכער מאכן אז די נשמה בלייבט ריין, נאָר מען זאל אויך בויען אויף דער נשמה. אבער מיר ווייסן אז די נשמה איז מלובש אין א גוף, און עס איז דא דער יצר הרע וחילותיו וואס זיי פרובירן צו כובש זיין די חלקי הגוף און די חלקי הנפש.

און אפילו צומאל ווען א מענטש האט לשעבר עובר געווען עבירות ח"ו און ער איז געווען פארזונקען אין מדות רעות רח"ל, דארף מען דאך ווייסן ווער עס איז געווען דער "מרא קמא"? א מענטש דארף זיך פרעגן: **ווער איז דא געווען ערשט?**

נאך א קשיא דארף א מענטש זיך פרעגן: **ווער און וואס איז מיין שורש?**

דער תירוץ אויף דעם איז דאס וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי: "אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא". דער רבוש"ע האט דיר געגעבן א נשמה וואס איז ריין.

פארשטייט זיך, יעדער איינער וועט פרעגן א קשיא: **וואס מיינט עס איז ריין?**

"לב יודע מרת נפשו", דער מענטש אליין ווייסט דאך וואס ער האט שוין אפגעטון אין זיין לעבן, און ווער ווייסט וואס ער האט געטון אין פריערדיגע גלגולים?

דער תירוץ אויף דעם איז, די אלע עבירות און די אלע מידות רעות זענען בלויז "מחוצה לאדם" - פונדרויסן פונעם מענטש. דאס טייטש, די נשמה אליין איז ריין. און דאס זאגן מיר יעדן אינדערפרי. מיר זענען מגלה פארן מענטש יעדן אינדערפרי: פאנג אָן דיין טאג מיט א ברען, מיט א פייער, מיט א קאך! דיין לערנען זאל זיין מיט א פייער, דיין דאווענען זאל זיין מיט א פייער, דיין מצוה זאל זיין מיט א פייער, אלעס זאל זיין מיט אן אש קודש.

איי, דער מענטש זאגט, "איך בין דאך פארשמירט"?

איז דער תירוץ, **דו ביסט נאָר פארשמירט פון "אינדרויסן"**. אזוי ווי דער הייליגער **אלשיך הקדוש** זאגט אויפ'ן פסוק אין שיר השירים (א, ו): "אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת שֶׁשְּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ", און דער הייליגער אלשיך הקדוש איז מאריך אז פונקט ווי "כְּאָהֳלֵי קֵדָר", די געצעלטן אין די מדבריות וואס ווערן שמוציג, אבער נאכדעם וואשט מען עס אפ.

די זעלבע זאך איז אויך ביי א איד: **א אידישע נשמה קען נאר ווערן שמוציג און פארשמירט פון אינדרויסן, אבער נאכדעם וואס מען וואשט עס אפ, איז זי לויטער און ריין.**

### גילוי פון די פינף חלקי הנשמה און די העכסטע בחינה פון 'יחידה'

דער הייליגער **אר"י הק'** איז מגלה, אז יעדן טאד אינדערפרי ביי "אלוקי נשמה" זאגן מיר אז מיר האבן 5 חלקי נשמה וואס איז לויטער און ריין, און דאס איז מרומז אין די 5 ווערטער "טהורה, "בראתה", "יצרתה", "נפחתה", "נשמה", וואס דאס זענען מרמז אויף די 5 חלקי הנשמה, "נפש", "רוח", "נשמה", "חיה", "יחידה".

קומט דער הייליגער אריז"ל און איז אונז מגלה, אז די 5 תפילות פון יום הקדוש זענען מרמז אויף די 5 חלקי הנשמה:

מיר האבן געדאווענט פינף תפילות, און ביי יעדע תפילה ווערט נתגלה נאך א חלק פון דער נשמה. און יעצט האלטן מיר ביי תפילת נעילה, וואו עס ווערט נתגלה די "יחידה" שבנשמה, דער העכסטער חלק.

אזוי ווי דער הייליגער **'פני יהושע'** זי"ע זאגט אין מסכת ברכות (דף י'), אז ווען דוד המלך האט געדאווענט און געזאגט פינף מאל "בָּרְכִי נַפְשִׁי" קעגן די פינף חלקי הנשמה, זאגט דער פני יהושע אז די "יחידה" וועט נתגלה ווערן לימות המשיח. **יעדע יום כיפור איז א צייט וואס עס ווערן נתגלה אלע פינף חלקי הנשמה, און דער פינפטער חלק ווערט נתגלה יעצט ביי דער תפילה פון נעילה.**

## די כח הנורא פון יום הקדוש

דער הייליגער **מיטעלער רבי** פון **ליובאוויטש** זי"ע, אין זיין ספר **'עטרת ראש'** אויף יום כיפור (דף כ"ז עמוד א'), איז מסביר דארט אז מיר טרעפן א מורא'דיגע זאך: יום הקדוש, אפילו מענטשן וואס זענען נעבעך נישט געקומען אין ביהמ"ד א גאנץ יאר און האלטן זיך ווייט פון אידישקייט, קומען יום הקדוש אריין אין ביהמ"ד.

ער איז מסביר אז דאס איז ווייל יום כיפור איז אַן "עלמא דחירות", עס איז א בחינה פון יובל און א בחינה פון ימות המשיח, וואס דעמאלט שטייט: "ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים".

ער איז מסביר אז עס זענען דא נשמות וואס זענען בחינות פון 'אובדים' און עס זענען דא בחינות פון 'נדחים', נשמות וואס זענען גאָר גאָר ווייט, אבער זיי קומען 'והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים'. ווען פאסירט דאס? ווען משיח וועט קומען.

זאגט דער הייליגער מיטעלער רבי: יום כיפור איז א צייט פון יובל, און דעמאלט ווערט נתגלה אויף דער וועלט אזא לעכטיגקייט אז די אלע נשמות קומען אויך אריין אין ביהמ"ד. און ער זאגט אז דאס איז בפרט ביי נעילה. ביי נעילה, זאגט ער, אפילו די מענטשן - און זיין לשון איז: **"הגם הקל שבקלים שנקרא עובד ונדח, שאיבד עצמו בפריקת עול לגמרי ונדחה בכל עבירות החמורות שבעולם"** - זאגט ער, די ערשטע זאך איז: **"גם הוא בכה יבכה במר נפשו ביום כיפור"**. ער ווייינט מורא'דיג יום כיפור. ווי דער מיטעלער רבי האט מסביר געווען, איז דאס ווייל עס איז א בחינה פון יובל, א בחינה פון משיח, און עס ווערט נתגלה די יחידה שבנשמה.

## דער כח נפלא פון תפילת נעילה

נאכדעם זאגט ער א צווייטע זאך: ווען עס קומט נעילה, **"וישוב אל ה' באמת באותה שעה דוקא, שהוא בגמר חתימה דנעילה כידוע"**. ביי נעילה ווערט דעמאלט נתגלה דער פינפטער חלק פון דער נשמה, די יחידה, וואס דאס איז די בחינה פון ימות המשיח, און דעמאלט וויינט מען גאר שטארק. און מען זעט עס טאקע בחוש אין ביהמ"ד.

די עדות וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט זעט מען יאר-איין יאר-אויס אין ביהמ"ד; ווען עס קומט צו נעילה, איז דער גאנצער ביהמ"ד א קאך, אלע זענען צדיקים, און אלעס קאכט ווי א פייער.

## די מורא'דיגע מעשה פון אברהם אבינו אין חברון און דער סוד פון בך חותמין

בעזרת השם, גייען מיר יעצט זען נאך א מורא'דיגע זאך וואס געשעט ביי דער תפילה פון נעילה.

דער הייליגער **'תפארת שלמה'** זי"ע אין פרשת לך לך ברענגט פונעם ספר 'עמק המלך', פון די גדולי המקובלים. אין זיין ספר עמק המלך (הקדמה ג' פרק ה'), פארציילט ער א מעשה נורא וואס האט פאסירט אין דער שטאט חברון. און נאכדעם וועט מען זען ווי דער הייליגער תפארת שלמה טייטשט עס אריין, אז **יעדעס יאר יום הקדוש ביי נעילה זענען מיר אויך זוכה דערצו.**

וזל"ק: **"אודיע לכם בני אלקים חיים אשר נעשה בחברון דבר פלא ביום הכפורים"**. איך גיי אייך פארציילן א מעשה פלא וואס איז געשען דעם יאר יום כיפור.

ער פארציילט דארט אזוי: אין 'חברון' זענען געווען גאר גאר גרויסע לייט. ער זאגט זיי זענען חסידי עליון, אבער זיי האבן נעבעך נישט געהאט קיין מנין דורכאויס די וואך. שבת און יום טוב פלעגן אריינקומען מענטשן פון די ארומיגע דערפלעך און מען פלעגט משלים זיין דעם מנין, בפרט ראש השנה און יום הקדוש, וואס דעמאלט קומט יעדער אריין משלים צו זיין דעם מנין.

איין יאר, זאגט ער, איז געקומען ערב יום כיפור, און פלוצלינג זעען זיי אז עס ווערט שוין לעת ערב און זיי האבן בלויז ניין מענטשן. זיי האבן אויסגעפונען אז די מענטשן פון די ארומיגע דערפלעך קומען נישט, ווייל זיי זענען געגאנגען פראווען דעם יום הקדוש אין ירושלים. זיי זענען געווען אין א מורא'דיגן בצער גדול און האבן גאר שטארק געוויינט.

ער זאגט ווייטער, "השמש כבר נט"ה, עס האט שוין אנגעהויבן צו ווערן ממש די צייט פון כל נדרי, ווען פלוצלינג האבן זיי געזען אַן "איש זקן בא מרחוק". זיי האבן זיך מורא'דיג געפרייט, און ווען ער איז אנגעקומען האבן זיי אים שנעל אנגעגרייט א סעודה המפסקת. אבער דער עלטערער איד האט זיי געבענטשט און געזאגט אז ער האט שוין געגעסן אויפ'ן וועג. דער זקן האט מצטרף געווען צו אלע תפילות, און א גאנצן יום הקדוש האט מען אים מורא'דיג מכבד געווען.

מוצאי יום הקדוש האט זיך אנגעהויבן א געפעכט צווישן זיי, ווער עס זאל זוכה זיין צו האבן דעם גאסט, דעם זקן וואס האט מצטרף געווען צום מנין. האבן זיי מחליט געווען צו מאכן א גורל, און דער גורל איז אויסגעפאלן אויפ'ן

חזן. דער חזן, דער בעל תפילה פון חברון, איז געווען אַן איש חסיד, און נישט נאָר דאס, נאָר ער פלעגט ביינאכט זען חזיונות און נבואות אין זיינע חלומות. דער חזן האט געבעטן דעם עלטערן איד ער זאל קומען מיט אים, און זיי זענען געגאנגען אהיים. ווי נאָר ער קומט אָן צום טיר, דרייט ער זיך אויס צו מכבד זיין דעם זקן ער זאל אריינגיין, און פלוצלינג ואיננו! ופרח לו איש האמת, ער זעט אים מער נישט.

מען האט אים אנגעהויבן זוכן איבעראל, אבער מען האט אים נישט געטראפן. די אלע געהויבענע אידן דארט זענען געווען מורא'דיג צעבראכן. זיי האבן געטראכט אז מסתמא וויל ער נישט נהנה זיין פון זיי, אדער אפשר איז דא ח"ו א פגם אין זיי.

ביינאכט האט דער חזן, וואס פלעגט זען חזיונות נבואה בלילה, גע'חלומ'ט ווי דער עלטערער איד קומט צו אים און זאגט אים: **"אני אברהם אבינו עליו השלום. איך בין געקומען משלים זיין דעם מנין, ווייל איך האב געזען אייער צער און איך האב נישט געוואלט איר זאלט זיין בצער יום הקדוש"**.

אברהם אבינו האט אים געזאגט, אז וויבאלד זיי זענען געווען בצער און האבן געוויינט, האבן זיי זוכה געווען אז ער זאל קומען. דער עמק המלך ענדיגט צו, אז אינדערפרי האט דער חזן דאס פארציילט פאר אלעמען און זיי האבן זיך מורא'דיג געפרייט. זיי האבן געדאנקט דעם אייבערשטן פאר'ן זכות אז אברהם אבינו האט זיך מצרף געווען צו זיי, און ער ענדיגט צו: "אמן וכן יהי רצון".

דער תפארת שלמה זאגט אויף דעם א דבר נורא מאוד. **די מעשה שפילט זיך אפ יעדעס יאר יום הקדוש**. יעדעס יאר קומט אברהם אבינו און דאווענט מיט אונז. זאגט דער הייליגער תפארת שלמה, אז **ער בלייבט ביז תפילת נעילה, ווייל אברהם אבינו וויל מאכן זיכער אז אלע תפילות גייען ארויף און ווערן גוט פארשלאסן, כדי דער סטרא אחרא זאל גארנישט צוגעמען פונעם שפע**.

זאגט דער הייליגער תפארת שלמה, דאס איז דער פשט אין **רש"י** וואס זאגט "בך חותמין" - אז דער אייבערשטער זאגט פאר אברהם אבינו "והיה ברכה", דו וועסט זיין א ברכה און מיט דיר וועט מען חותם זיין. (הגם אין די ערשטע ברכה דערמאנט מען אלע דריי אבות, איז אבער די חתימת הברכה נאר מיט "מגן אברהם").

רש"י קומט דא מרמז זיין אויף תפילת נעילה פון יום הקדוש, אז יעדעס יאר קומט אברהם אבינו דאווענען און "בך חותמין" - ער מאכט זיכער צו זיין דארט ביז תפילת נעילה צו פארזיכערן "והיה ברכה", אז אידישע קינדער זאלן באקומען אלע ברכות.

## דער חיזוק הנורא אז אברהם אבינו און די מדת החסד באגלייטן אונז ביי נעילה

ווען א מענטש הערט אזא תפארת שלמה, אז אברהם אבינו איז דא מיט אונז און ער מאכט זיכער ביי תפילת נעילה אז אלע תפילות גייען ארויף, איז דאס דאך א חיזוק נורא. מען דארף טאנצן פאר שמחה, "אשרינו מה טוב חלקינו", אז מיר זענען אידישע קינדער און מיר קענען דינען דעם אייבערשטן, און אז מיר האבן אזעלכע אבות הקדושים וואס האבן אונז אזוי אינזין. דער הייליגער חתם סופר זאגט טאקע אז די אבות הקדושים קומען דאווענען מיט אונז די הייליגע טעג, און דער הייליגער בית אהרן זאגט אז מיר האבן ממשיך געווען די אבות הקדושים ביי די תקיעות.

יעצט זאגט אונז דער תפארת שלמה, אז אברהם אבינו במיוחד איז דא מיט אונז ביז די חתימה, און דאס איז מרומז אין "והיה ברכה". דאס מיינט אז כאטש אלע אבות הקדושים זענען דא מיט אונז, ווי די צדיקים האבן מעיד געווען, איז אבער "בך חותמין" - אברהם אבינו איז דא במיוחד.

**וואס מיינט דאס אז אברהם אבינו איז במיוחד דא? לכאורה, אלע פון די הייליגע אבות זענען דא אין די הייליגע טעג - וואו עס שטייט פון 'חתם סופר', 'בית אהרן', 'ישמח משה' ועוד?**

נאָר, דער ביאור הענין געפינען מיר אין **זוהר הקדוש** ביי די אושפיזין אז יעדן טאג קומט אן אנדערער אושפיזא, אבער אברהם אבינו קומט יעדן טאג בראש. דאס מיינט אז אפילו דעם צווייטן טאג ווען עס איז די אושפיזיא פון יצחק, אדער דעם דריטן טאג ביי יעקב, איז אברהם אבינו אויך דא. ער איז אייביג בראש.

דער ביאור הענין איז, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש, אינעם אריז"ל און אין אלע ספרים הקדושים, אז אברהם אבינו איז די מדת החסד, און מיר ווייסן אז עס שטייט "חסד קל כל היום". "חסד קל כל היום" איז מרמז אויף די בחינה פון אברהם אבינו וואס איז דער מדה פון חסד "כל היום" - יעדן טאג קומט ער ביי די אושפיזין. דער יסוד שטייט אין **אריז"ל** אין 'פרי עץ חיים' (שער חג הסוכות פרק א').

דער הייליגער **רבי ר' פנחס קאריצער** זי"ע זאגט אין 'אמרי פנחס' (אות תקנ"ט) אויפ'ן פסוק "ואברהם זקן בא בימים", אז דאס קומט מרמז זיין אז אברהם אבינו, די מדת החסד, "בא בימים" - ער קומט יעדן טאג פון די אושפיזין.

די זעלבע זאך איז דא אויך: **אוודאי ביי די הייליגע טעג קומען אלע אבות הקדושים, ווי עס שטייט פונעם 'חתם סופר' און פונעם 'בית אהרן', אבער אברהם אבינו איז בראש ווייל "ואברהם זקן בא בימים". און ווי דער הייליגער 'תפארת שלמה' זאגט, "בך חותמין" – מיט די מדת החסד. אברהם אבינו מאכט זיכער אז מען זאל אונז אנשרייבן א גוטע חתימה טובה,**

**א גוט געבענטשט יאר און כל טוב וטוב!**

# תשובה

# די מצוה פון תשובה דארף מען טון מיט א פרייליכקייט

**תשובה איז א מצוות עשה – נישט אנדערש ווי אלע מצוות וואס מען דארף טון בשמחה**

תשובה איז א מצות עשה, פונקט ווי אלע מצות עשה'ס. און **פונקט אזוי ווי יעדע מצות עשה דארף מען טון בשמחה, דארף מען אויך תשובה טון בשמחה.**

אזוי שטייט אין **זוהר הקדוש** (ויקרא דף ח'), און אזוי שטייט אויך אינעם **רמ"ק** באריכות אין זיין פירוש 'אור יקר' אויפ'ן זוהר הקדוש. אזוי שטייט אויך אינעם רמ"ק אין זיין ספר 'עבודת יום כיפור'. און אזוי שטייט אינעם הייליגן **'שערי תשובה'** לרבינו יונה (שער ד' אות ט'). אזוי שטייט אויך אינעם **של"ה הקדוש** (מסכת יומא פרק תורה אור אות ב'), אינעם **'תפארת שלמה'** (פרשת ויגש), און אזוי שטייט פונעם הייליגן **רבי ר' אלימלך**, פונעם הייליגן **שינאווער רב** אינעם 'דברי יחזקאל', אינעם **'בית אברהם'** (ערב יום כיפור), און אינעם **'שם משמואל'** (פרשת ויגש) – אז תשובה איז א מצות עשה וואס מ'דארף טון בשמחה.

די סיבה פארוואס מענטשן ווערן אינגאנצן צעבראכן ווען ס'קומט צו די סוגיא פון תשובה און זיי טוען עס נישט בשמחה, איז צוליב כמה וכמה סיבות. אין דעם שיעור גייען מיר זיך אביסל מסביר זיין לויט די ספרים הקדושים, און מיר וועלן זען דרכי צדיקים און סיפורי צדיקים, וואס האבן אונז איבערגעלאזט מורא'דיגע הדרכות מסביר צו זיין פארוואס דער מענטש ווערט צעבראכן ווען ס'קומט צום ענין פון תשובה. ובעזה"י וועלן מיר זען א שטיקל בהירות און קלארקייט אין דעם, אז ווען א מענטש וועט צוקומען צו די סוגיא פון תשובה, וועט ער ממש טאנצן פאר שמחה.

**די דריי חלקים פון תשובה: חרטה, קבלה אויף ווייטער, און ווידוי**

די ערשטע זאך דארף מען וויסן, אז תשובה איז איינגעטיילט אין דריי חלקים: ס'איז דא דער חלק החרטה, דער חלק הקבלה על העתיד, און דער חלק הווידוי. (עס איז דא כמה וכמה חלקים אין תשובה וואס ווערן מבואר אין רמב"ם און באריכות אין 'שערי תשובה' לרבינו יונה, אבער דאס איז אלץ איז נכלל אין די 3 חלקים. ועוד חזון למועד).

**'חרטה' מיינט:** "ס'טוט מיר ווי אז איך האב מצער געווען דעם אייבערשטן". חרטה מיינט נישט אז א מענטש זאל אריינפאלן אין א יאוש, און חרטה מיינט נישט אז א מענטש זאל זאגן אז ער איז גארנישט ווערד; דאס הייסט נישט חרטה. חרטה מיינט אז ס'טוט אים ווי אז ער האט מצער געווען מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. פארשטייט זיך אז אין דעם אליין זענען דא כמה וכמה מדרגות. עס איז דא די 'חלק הבושה', און נאך מדריגות וואס ווערן נכלל אין חרטה.

די צווייטע זאך איז **'קבלה על העתיד'**: וואס דאס איז דער עיקר התשובה – אז א מענטש זאל זיך מקבל זיין פון היינט און ווייטער אויפצוהערן צו טון די עבירה, פשוטו כמשמעו. אויף דעם זאגט די גמרא, אז א רשע גמור וואס האט מקדש געווען אַן אשה "על מנת שאני צדיק גמור", איז זי מקודשת, ווייל "שמא הרהר תשובה" – אפשר האט ער מהרהר געווען בתשובה.

זאגט דער הייליגער **'בני יששכר'** זי"ע, אז בפשטות קען עס נישט מיינען חרטה, ווייל חרטה איז א זייער טיפע זאך וואס קען נישט געשען אין איין רגע. אבער **קבלה על העתיד קען יא זיין אין איין רגע! און דאס פאסירט בשעת א מענטש איז מהרהר בתשובה – אז פון יעצט און ווייטער הערט ער אויף צו טון די עבירה.**

**נאכדעם איז דא דער דריטער חלק התשובה פון 'וידוי':** מ'דארף זאגן "חטאתי עויתי פשעתי". ס'איז דא א מחלוקת אין די גמרא צווישן רבי עקיבא און די חכמים צי מ'דארף מפרש זיין דעם חטא. מיר פסק'נען להלכה אז עס איז נישט מעכב, (עי' שו"ע או"ח סי' תר"ז ס"ב). פונדעסטוועגן האט מען מתקן געווען א וידוי על פי אותיות א"ב; עס שטייען שוין כמה וכמה טעמים אין די פוסקים פארוואס מ'האט מתקן געווען ארויסצוזאגן דעם וידוי אויפ'ן א"ב, ובפרט ביי יום כיפור זאגט מען די גאנצע נוסחאות פון 'על חטא'. אבער בעצם, מעיקר הדין, איינמאל מ'האט געזאגט "חטאתי עויתי פשעתי", האט מען יוצא געווען די מצוה פון וידוי.

**די צעבראכנקייט און יאוש פונעם מענטש ווייל ער לייגט נישט דעם עיקר דגוש אויף די 'קבלה להבא'**

**יעצט איז דא א שאלה:** וועלכע חלק התשובה איז מעכב?

דאס הייסט, וועלכער חלק פון חרטה, קבלה אדער וידוי, איז מעכב אזוי ווייט אז אויב דו טוסט עס נישט הייסט עס בכלל נישט קיין תשובה?

און וועלכע זאך איז א מצוה?

עס שטייט קלאר אין **'שערי תשובה'** לרבינו יונה אז **דער עיקר איז 'קבלה להבא' - זיך מקבל זיין נישט צו טוען די עבירה ווייטער.** די רבינו יונה זאגט, אז אויב דו טוסט חרטה און וידוי אבער דו מאכסט נישט קיין קבלה להבא איז ה"י... אוודאי דארף מען אויך האבן חרטה און וידוי, ובפרט יום כיפור איז דא א מצות וידוי, אבער פונדעסטוועגן איז עס נישט מעכב די כפרה. דאס הייסט, ער ווערט שוין באטראכט אלס א 'בעל תשובה'.

אזוי ווי דער הייליגער 'בני יששכר' זי"ע איז מדייק, אז ווען דער רשע האט מקדש געווען א פרוי, און געזאגט: "הרי את מקודשת לי על מנת שאני צדיק גמור", איז זי מקודשת. ער האט דאך אפילו קיין וידוי נישט געזאגט, און פונדעסטוועגן איז זי מקודשת, **ווייל דער עיקר התשובה לעיכובא איז נאָר דער חלק פון קבלה לעתיד, און דאס קען מען מאכן אין 'איין רגע'.**

ווען א מענטש הערט דעם יסוד, ווערט אים מורא'דיג לייכטער אויפ'ן הארץ, ווייל ער פאנגט אָן צו זען אז דער עיקר התשובה איז נישט צו טראכטן פונעם עבר און נישט אריינצוגיין אין א מורא'דיגע צובראכנקייט, נאָר דער עיקר פון תשובה איז להבא. דאס איז דער ערשטער יסוד וואס מ'דארף וויסן: **וואס איז די תשובה וואס איז מעכב.** און ווען מיר ווערן יעצט געוואויר אז דער עיקר איז להבא, מאכט עס פרייליך דאס הארץ.

**די גאנצע סיבה פארוואס מענטשן קוקן אן די גאנצע סוגיא פון תשובה מיט אזא מין טונקלקייט, צעבראכנקייט און יאוש, איז ווייל זיי לייגן דעם עיקר דגוש פון די תשובה אויף די חרטה על העבר, און זיי לייגן נישט דעם עיקר דגוש אויף די קבלה להבא. ווען זיי ווייסן דאס און ווערן דאס געוואויר, ווערט דאס גאנצע הארץ באלאכטן.**

**פינף משלים פארוואס א מענטש דארף טאנצן פאר שמחה ביים טון תשובה**

לאמיר יעצט אריינגיין מער אינעם ענין פון 'קבלה להבא'. אבער פארדעם, לאמיר אביסל - ווי מ'זאגט - 'במבט ראשון' דורכגיין דעם ענין פון תשובה און ווייזן ווי געשמאק עס איז.

מיר גייען יעצט זאגן פינף נקודות בעניני עולם הזה, צו זען ווי אזוי א מענטש שפרינגט פאר שמחה ווען ער גייט ארויס מאפילה לאורה. נאכדעם וועט א מענטש קענען מאכן א פשוט'ן קל וחומר, אז ביי די מצוה פון תשובה דארף ער זיכער טאנצן פאר שמחה.

## משל א'

לאמיר זיך פאָרשטעלן א מעשה פון א מענטש וואס איז א מולטי-מיליאנער, און איבער נאכט האט ער נעבעך פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן. ס'איז נישט שייך מסביר צו זיין די צובראכנקייט פון אזא מענטש. אויסער זיין צובראכנקייט איז ער ממש עלול לסכן את נפשו. פלוצלינג קומט אָן א ידיד, ער גיט אים א טשעק און זאגט אים: "דא האסטו דעם גאנצן סכום וואס דו האסט פארלוירן!" - קען מען זיך פארשטעלן אז דער מענטש וואלט נישט געטאנצן פאר שמחה?.

דאס איז א קל וחומר בן בנו של קל וחומר:

**ווען א מענטש טוט נעבעך עבירות ח"ו, ובפרט ווען ער רעדט לשון הרע און רכילות, נעמט מען אים נעבעך צו גאנצע מיליאנען!** פון פרנסה ועוד ח"ו.

אוודאי ווייסן מיר אז קיין איין מצוה אדער דבר טוב ווערט נישט פארלוירן, אבער בשעת א מענטש האט נאכנישט געטון קיין תשובה, געפינט זיך די גאנצע שפע ביי די סטרא אחרא - זיי האבן אלעס צוגעגנב'עט. ער איז נעבעך געווארן פון אַן עושר, צו א מצב וואס מ'וויל נישט ארויסזאגן פונעם מויל, ה"י.

קומט אבער די מצוה פון תשובה: ער שטייט אויף אינדערפרי, גייט אין ביהמ"ד, זאגט ברכת התורה, גייט אין מקוה, לערנט פאַר'ן דאווענען, ער

דאווענט און זאגט "סלח לנו אבינו כי חטאנו", ער זאגט "השיבנו אבינו", ער זאגט "אשמנו, בגדנו...", און **פלוצלינג איז ער צוריק געווארן א מיליאנער ממש אין סעקונדעס. דארף דען א מענטש נישט טאנצן פאר שמחה?!...**

## משל ב׳

א מענטש וואס האט זיך פאר'חוב'עט ל"ע מיט צען מיליאן דאלער חובות, ער קען זיך נישט ווייזן דאס פנים אין גאס. ער שעמט זיך צו גיין אין ביהמ"ד, ער שעמט זיך צו גיין צו שמחות, ער שעמט זיך צו דרייען צווישן זיין משפחה, ער קען נישט גיין צווישן חברים, ער איז פשוט בבושת פנים.

פלוצלינג קומט אָן א חבר און זאגט אים: "איך וויש אָפּ אלע דיינע חובות!" - איז שייך דאס מסביר צו זיין? איז שייך מתאר צו זיין די שמחה פון דעם מענטש? ער טאנצט פשוט אין די גאסן! **ער שעמט זיך פאר קיינעם נישט ווען ער טאנצט אין די גאסן פאר שמחה, ווייל ער איז אזוי שיכור פאר שמחה, ער איז ארויס מאפילה לאורה, ער איז ארויס פון אזא מין גלות מצרים, ער זעט קיינעם נישט פאר די אויגן און ער טאנצט אין די גאסן און דאנקט דעם אייבערשטן!**

פונקט אזוי ווען עס קומט צו די סוגיא פון תשובה, דארף מען פשוט טאנצן אין די גאסן און דאנקען דעם אייבערשטן, ווייל די סטרא אחרא גייט און מאכט דעם מענטש א בעל חוב, ה"י. פאר יעדע עבירה זענען דא עונשים בזה ובבא, און עס איז נישט שייך מסביר צו זיין וואס דאס מיינט 'עונשים', ווייל מיר ווייסן נישט וואס עס טוט זיך אָפּ אויבן אין הימל. אבער מיר אלע ווייסן אז לויט ווי חז"ל און די ספרים הקדושים לייגן עס אַראָפּ, זענען דאס נישט קיין בטעם'טע זאכן וואס טוען זיך אָפּ פאר איין עבירה... וואס אין אונזערע אויגן קוקט עס אויס ווי אַן 'עבירה קלה', ה"י וואס פאר א עונשים עס זענען דא.

קומט אויס, אז ווען א מענטש טוט תשובה, דארף ער זיך נעמען טאנצן אין די גאסן, ווייל מען האט אים אויסגעמעקט אלע זיינע חובות! **ווען ער גייט שחרית אינדערפרי און זאגט "סלח לנו", דארף ער ביים ארויסטרעטן פון שמונה עשרה זיך נעמען טאנצן מיט'ן טלית און תפילין אינמיטן ביהמ"ד...** און ווען מענטשן קוקן אים אָן - צי ער איז בסדר? צי ער איז נארמאל? - ענטפערט ער זיי בכלל נישט און רעכנט זיך גארנישט מיט זיי. פארוואס? ווייל ער איז מלא שמחה אז מען האט אים מוחל געווען זיינע חובות!!!

## משל ג׳

א מענטש איז נעבעך קראנק געווארן ל"ע. מען זוכט דאקטוירים, מען גייט פון איין עסקן צום צווייטן, מען פרובירט אנצוקומען צו א גרויסן דאקטאר און מען קען נישט דורכברעכן. ענדליך איז מען אנגעקומען צו א גרויסן דאקטאר, און מען גייט אריין צו אים, און דער דאקטאר זאגט אז ער איז מסכים צו מאכן די אפעראציע. דער חולה מיט זיין משפחה נעמען זיך טאנצן פאר שמחה.

שטייט א מענטש פון די זייט און פרעגט א פשוט'ע שאלה: **"וואס טאנצטו? דו ביסט נישט געזונט, דו פילסט נישט גוט, דו דארפסט דאך א גרויסע ישועה?"** זאגט דער חולה: **"יא, אבער מען האט שוין געטראפן דעם דאקטאר!"**

וכידוע אז די אלע חולאים ויסורים ל"ע קומען פון עבירות ח"ו. אבער מיט תשובה איז אלץ מסודר!

**ווען א מענטש וועקט זיך אויף אינדערפרי און גייט אריין אין ביהמ"ד דאווענען שחרית, און ער גייט זאגן "סלח לנו" און "ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח", דאַרף ער שוין אויפ'ן וועג צום ביהמ"ד טאנצן פאר שמחה, ווייל מען גייט אים יעצט אויסהיילן פון זיין קראנקהייט!...**

## משל ד׳

א מענטש איז נעבעך קראנק געווארן, ביז מען האט ענדליך געטראפן א דאקטאר, ב"ה דעם בעסטן דאקטאר, און ער האט אנגענומען צו מאכן די אפעראציע. אבער די אפעראציע דארף דאך געלונגען. מען איז מתפלל, מען הענגט צעטלעך אין אלע בתי מדרשים, מען דרייט איבער א וועלט, מען נעמט אויף זיך קבלות, די תלמוד תורות זאגן תהלים, מען טיילט צדקה, מען שיקט מנינים תלמידי חכמים צו די מקומות הקדושים. עס דרייט זיך איבער א וועלט אז די אפעראציע זאל געלונגען. און ב"ה, די אפעראציע איז געלונגען.

די שמחה איז אין לשער, און נאך צוויי-דריי חדשים מאכט מען א ריזיגע 'סעודת הודאה' מיט ריקודים ומחולות, די גאנצע שטאט פרייט זיך מיט אז ער איז ב"ה געזונט געווארן.

קל וחומר בן בנו של קל וחומר, **א מענטש גייט יעדן טאג אין ביהמ"ד, ער זאגט "אשמנו" נאכ'ן דאווענען, און דער אייבערשטער - דער רופא הנאמן - גייט און היילט אים אויס, ער נעמט נישט קיין פרוטה דערפאר, און זאגט: "איך נעם אָן דיין תשובה און דו ווערסט געזונט". דארף מען דען נישט מאכן א 'סעודת הודאה' יעדן טאג נאך שחרית?!...**

## משל ה'

יעדער ווייסט אז אפילו נאכדעם וואס אַן אפעראציע געלונגט, און אפילו מען האט געהאט דעם בעסטן דאקטאר, דויערט עס חדשים לאנג ביז מען היילט זיך אויס. די יסורים זענען איום ונורא און מען דארף גיין אין ריהעב - מאכן טערעפּי.

קומט אבער א דאקטאר און זאגט: "איך מאך אן אפעראציע אָן קיין שום יסורים, און מען דארף נישט גיין אין קיין ריהעב. גלייך נאך די אפעראציע וועקסטו זיך אויף און דו קענסט אהיימגיין! דו קענסט ווייטער גיין אין ביהמ"ד לערנען, דו קענסט גיין אין כולל און זיצן לערנען בהתמדה רבה, דו דארפסט גארנישט גיין אין ריהעב". **וויפיל שמחה און וויפיל ריקודים וואלט א מענטש געטאנצט ווען ער באגעגנט אזא דאקטאר?**

יעדן טאג גייען מיר אריין אין ביהמ"ד און זאגן "סלח לנו". דער ביהמ"ד האט הייצונג אין ווינטער און איז קיל אין זומער. עס איז דא קאווע פאר'ן דאווענען און א באקוועם פלאץ. ב"ה עס איז לעכטיג, און ווען מען גייט אין ביהמ"ד איז עס אָפן. מען דארף נישט ווארטן ווי אין די אלטע צייטן אז דער שמש זאל אויפמאכן די שול, מען קען בלייבן שפעט און מען דארף נישט מורא האבן אז דער שמש וועט פארשליסן די טיר.

**די בתי מדרשים זענען אָפן פיר-און-צוואנציג שעה א טאג מיט קאווע, הייצונג און עירקאנדישאן, און דו זאגסט אזוי באקוועם "סלח לנו", און די גאנצע אפעראציע ווערט געטון מיט אזא מין געשמאקייט. דו טרעטסט אויס שמונה עשרה, ענדיגסט דאווענען, גייסט אהיים עסן פרישטאג און גייסט אין כולל אדער צו מיט וואס דו באשעפטיגסט זיך מיט אזא מין געשמאק...**

"דאס איז תשובה!"

**תשובה מיינט אז מען גיט דיר צוריק אלע דיינע מיליאנען וואס דו האסט פארלוירן!**

**תשובה מיינט אז מען מעקט דיר אָפּ אלע דיינע חובות!**

**תשובה מיינט אז מען האט געטראפן דעם בעסטן דאקטאר!**

**תשובה מיינט אז דער בעסטער דאקטאר האט געמאכט די אפעראציע און ב"ה עס איז געלונגען!**

**און תשובה מיינט אַן אפעראציע וואס איז אינגאנצן אָן קיין שום יסורים!**

אויב אזוי, **דארף דען נישט א מענטש טאנצן פאר שמחה?...**

ממילא, ווען מיר קוקן אָן די סוגיא פון תשובה, דארף מען עס אנקוקן מיט אַן אנדערן בליק, מיט א נייעם בליק, אזוי ווי חז"ל און די הייליגע ספרים האבן עס אנגעקוקט.

## דער גרויסער כח פון א יחיד וואס טוט תשובה

די פשוט'ע סיבה פארוואס א מענטש קוקט נישט אזוי אָן תשובה איז **ווייל ער האט קיינמאל נישט געלערנט די סוגיא פון תשובה און עס קיינמאל נישט דורכגעטון**. עס איז אזוי ווי מען גייט צו עמיצער און מען פרעגט אים: "ווי אזוי מאכט מען א קרבן מנחה?" אדער "איך קען דיר פרעגן א שאלה אין הלכות בכורות?" אפילו אויב ער איז א תלמיד חכם אין הלכות שבת, אבער הלכות בכורות? ווי אזוי זאל ער עס וויסן אויב ער האט עס נישט געלערנט?.

די זעלבע זאך איז ווען עס קומט צו הלכות תשובה. **רוב וועלט איז זענען 'עמי הארצים' אין הלכות תשובה**. מען ווייסט נישט וואס דאס איז, מען האט עס קיינמאל נישט דורכגעגעטון מיט די ראשונים, קיינמאל נישט געלערנט די דברי צדיקים און קיינמאל נישט געהעריג דורכגעטון די חז"ל'ס.

אבער **ווען מען עפנט אויף די גמרות, די חז"ל'ס, די מדרשים, און מען זעט וואס צדיקים זאגן אויף תשובה, ווערט א נייע וועלט, עס ווערט א לעכטיגע וועלט**.

עס איז דא א **גמרא** אין מסכת יומא (פו, ב), וואס טאמער עמיצער האט אמאל אנגעקוקט די סוגיא פון תשובה מיט א געוויסע טונקלקייט, זאל ער זיך אראפשרייבן די גמרא אויף א צעטעלע, עס אריינלייגן אין זיין טאש, און ער וועט ווערן א בריה חדשה. לאמיר זען די הייליגע גמרא.

"**תניא**", מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, "**רבי מאיר אומר, גדולה תשובה**" - דו ווילסט וויסן ווי גרויס תשובה איז? "**שבשביל יחיד שעשה תשובה**" - צוליב איין יחיד וואס האט תשובה געטון. איין יחיד! שטעל דיך פאָר, דו ביסט געגאנגען דאווענען, דו האסט היינט געזאגט ביי שחרית "סלח לנו אבינו כי חטאנו", נאכדעם טרעטסטו אויס שמונה עשרה און דו ווארטסט פאַרן בעל תפילה אנצופאנגען חזרת הש"ץ. פלוצלינג קוקט דער גאנצער ביהמ"ד אויף דיר, מ'ווייזט דיך גאר ארויף צום מזרח וואנט, און דו פאנגסט אָן צו קוקן אויפ'ן עולם: וואס וויל דער עולם פון מיר? פלוצלינג קומט אראפ א בת קול פון הימל און רופט אויס דיין נאמען:

"**הרב הגאון, צדיק יסוד עולם, רבן של כל בני הגולה, מורינו הרב רבי פלוני שליט"א!**"

דו טראכסט צו דיר: וואס גייט דא פאָר? פארוואס קוקן אלע מענטשן אויף מיר? פארוואס איז מען מיר אזוי מכבד? וואס איז פשט פון דעם בת קול פון הימל?

דער תירוץ איז: דו האסט יעצט געזאגט "סלח לנו" ביי שמונה עשרה! דו האסט תשובה געטון!

און די גמרא זאגט, "אמר רבי מאיר' בשביל יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כולו, שנאמר (הושע יד, ה) "אֶרְפָּא מְשׁוּבָתָם אֹהֲבֵם נְדָבָה כִּי שָׁב אַפִּי מִמֶּנּוּ". 'מהם' לא נאמר אלא 'ממנו'". דו האסט תשובה געטון, דו פריוואט האסט חרטה געהאט, און די גאנצע וועלט האט הנאה דערפון. **זאגט דער אייבערשטער: "אֶרְפָּא מְשׁוּבָתָם אֹהֲבֵם נְדָבָה" - איך הייל אויס די גאנצע וועלט. פארוואס? ווייל דער יחיד, "כִּי שָׁב אַפִּי מִמֶּנּוּ" - דו יחיד האסט תשובה געטון, און דורך דעם איז מוחל געווארן פאַרן גאנצן וועלט!**

ווען איינער הערט אזא חז"ל, פאנגט ער אָן צו קוקן אויף די סוגיא פון תשובה גאָר גאָר אנדערש. דאס טייטש אז מיין תשובה איז אזוי גרויס און אזוי חשוב, אז די גאנצע וועלט גייט יעצט נתכפר ווערן דורך מיר!

### דער פסק פונעם רמב"ם: מכריע זיין די גאנצע וועלט לכף זכות

לאמיר יעצט זען א **רמב"ם**, וואס פסק'נט אזוי 'להלכה'. דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה (פ"ג, ה"ד) זאגט א פסק הלכה. מיר גייען דא זען אינעם רמב"ם די חשיבות פון תשובה, די חשיבות פון א מענטש און דעם כח וואס א מענטש פארמאגט.

דער רמב"ם זאגט אז אויב א מענטש וועט עס פארשרייבן און האלטן אין זיין טאש, וועט זיין גאנצע לעבן ווערן א נייע לעבן. זאגט דער הייליגער רמב"ם אזוי: **"לפיכך צריך כל אדם שיראה עצמו כל השנה כולה כאילו חציו זכאי וחציו חייב"**. א מענטש דארף אייביג האלטן ביי זיך אז ער איז מחצה זכאי ומחצה חייב - האלב מצוות און האלב עבירות.

(מ'דארף דא באטאנען, מ'מיינט נישט צו זאגן אז אויפ'ן וואגשאל זענען פונקט דא פופציג מצוות קעגן פופציג עבירות, ווייל דער רמב"ם ביים אנפאנג פונעם דריטן פרק איז מסביר, אז דער אייבערשטער וועגט נישט די מצוות און עבירות לויט אונזער שכל, נאָר מ'וועגט עס לויט די עמקות פון די מצוה און די טיפקייט פונעם רצון וואס ער האט געהאט צו טון די עבירה. די לשון הרמב"ם איז: **"אין שוקלין אלא בדעתו של קל דעות"**, נאָר דער אייבערשטער כביכול ווייסט ווי אזוי צו וועגן, **"והוא היודע היאך עורכין הזכיות כנגד העונות"** - ער ווייסט ווי אזוי מ'רעכנט מצוות קעגן עבירות.

ממילא קען זיין א מענטש וואס לויט זיין דעת טוט ער כמעט נישט קיין עבירות, און ניין-און-ניינציג פראצענט פון זיין לעבן באשטייט פון מצוות, אבער אויפ'ן וואגשאל קען עס זיין פופציג-פופציג. ווייל אויפ'ן וואגשאל וועט מען רעכענען אז די מצוות איז אים געווען גרינג צו טון, ער איז געבוירן געווארן אין א גוטע שטוב און אין א גוטע סביבה, ממילא ווערט די איין פראצענט עבירות גערעכנט פיל מער. מיר ווייסן נישט דעם חשבון. דעריבער זאגט דער רמב"ם, אז יעדער מענטש דארף טראכטן ביי זיך אז ער איז חציו זכאי וחציו חייב).

יעצט זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"וכן כל העולם חציו זכאי וחציו חייב"**. דא קומט דער רמב"ם מיט א חידוש עצום. די **משנה** אין מסכת סנהדרין (פ"ד, מ"ה) זאגט אז א מענטש דארף אייביג זאגן "בשבילי נברא העולם" - פאר מיינעט וועגן איז די וועלט באשאפן געווארן. אסאך מאל ווען מיר לערנען די משנה, מיינען מיר אז דאס איז נאָר א בחינה פון "הלכה ולא למעשה", א שיינע געדאנק אבער נישט רעאליטעט. קומט דער רמב"ם און זאגט:

**דו האסט א טעות, די משנה איז 'הלכה למעשה'! זאלסט וויסן אז א מענטש דארף יעדע רגע טראכטן אז די גאנצע וועלט איז "חציו זכאי וחציו חייב"!**

זאגט ער ווייטער: **"עשה מצוה אחת, הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות, וגרם לו ולהם תשועה והצלה"**. דו האסט יעצט געטון א מצוה אדער תשובה געטון אויף עבירות? זאלסטו וויסן, אז מיט דעם וואס דו האסט יעצט געטון, האסטו גראטעוועט די גאנצע וועלט פון אַן אטאם באמבע! דו האסט געראטעוועט די גאנצע וועלט פון א דריטע וועלט מלחמה!

### דער רמב"ם רופט דיך אָן א "צדיק יסוד עולם"!

ווען מיר גייען צו צו די סוגיא פון תשובה, מיינסטו אז דאס איז עפעס א טונקעלע אדער א דערשראקענע זאך? דאס קומט פשוט פון א חסרון ידיעה. **ווען דו ווייסט אז מיט דיין תשובה יעצט גייסטו ראטעווען די גאנצע וועלט, גייסטו צו צו תשובה מיט אזא מין חשק, שמחה און התחזקות, פונקט ווי דו לויפסט אריין אין סוכה מאכן א "לישב בסוכה", אדער מיט די זעלבע שמחה ווי ביים עסן כזית מצה, זאגן "שהחיינו", אדער ביים מאכן קידוש ליל הסדר...**

זאגט ווייטער דער הייליגער רמב"ם: **"שנאמר** (משלי י, כה) **"וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם"** - דער רמב"ם רופט דיך אָן א "צדיק יסוד עולם"! - **"זה שצידק הכריע את כל העולם לזכות**

**והצילו".**

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"ומענין זה נהגו כל בית ישראל להרבות בצדקה ובמעשים טובים ולעסוק במצות מראש השנה ועד יום הכפורים יתר מכל השנה"** - מער ווי א גאנץ יאר. ווייל דער רמב"ם איז דארט מסביר, אז **די עשרת ימי תשובה וואס א מענטש טוט האבן פיל מער כח ווי א גאנץ יאר.**

און דער רמב"ם זאגט דארט ווייטער: **"ונהגו כולם לקום בלילה בעשרה ימים אלו להתפלל בבתי כנסיות בדברי תחנונים ובכיבושין עד שיאיר היום"**. אין די צייטן פונעם רמב"ם פלעגט מען אויפשטיין ביינאכט - עס שטייט נישט פונקטליך וועלכע שעה, אבער עס איז משמע גאָר טיף אינמיטן די נאכט - און מ'האט מרבה געווען בסליחות ביז'ן עלות השחר. דאס הייסט, מ'האט אנגעפאנגען סליחות אזוי ווי די וואס זאגן עס ביי חצות הלילה (כן נהגו ב'וואהלין' - רוסלאנד, באשמורה ראשונה או בחצות), און מ'האט עס אריינגעצויגן כדי מקיים צו זיין דעם מנהג אויך פאר די וואס שטייען אויף פארטאגס (כדאי' בטור ובשו"ע לאומרו קרוב לעלות השחר). מ'האט יוצא געווען דעם 'אלו ואלו דברי אלקים חיים', סיי זאגן סליחות ביי חצות און סיי זאגן סליחות באשמורת הבוקר.

אבער עכ"פ, וואס עס שטייט דא אינעם רמב"ם איז, אז **א מענטש דארף אייביג טראכטן: אפשר אין די יעצטיגע רגע שטייט די וועלט אויף א וואגשאל, און איך גיי מכריע זיין די גאנצע וועלט לזכות.**

און דער רמב"ם זאגט דאס אלס א 'פסק הלכה': **דו מוזט אייביג אזוי טראכטן!**

## דער עיקר: דו דארפסט וויסן דיין כח

וועט קומען א מענטש און פרעגן: יא, יא, אויב די וועלט איז חציו זכאי וחציו חייב, און אין יענע רגע וואס איך האב תשובה געטון האב איך מכריע געווען די וועלט, דעמאלטס באקום איך דעם טיטל. אבער טאמער די וועלט איז נישט געווען אויף א מצב פון חצי זכאי וחצי חייב, ווער זאגט אז איך באקום דעם טיטל 'צדיק יסוד עולם'?

כמובן, דער וואס פרעגט אזא שאלה, קומט עס ווייל ער ווייסט נישט ווי אזוי מען לערנט אָפּ א שטיקל גמרא... ווייל מיר אלע ווייסן אז דער רבוש"ע איז דער בוחן כליות ולב, און "רחמנא ליבא בעי". **דער עיקר איז אז דו דארפסט וויסן דיין כח. אויב דו האסט יעצט תשובה געטון, און ווען די וועלט וואלט יא געווען חצי זכאי וחצי חייב וואלסטו מכריע געווען די גאנצע וועלט, אויב אזוי איז שוין נישט קיין נפקא מינה צי די וועלט איז טאקע אין אזא מצב צי נישט.**

דאס וואס די וועלט איז יעצט נישט אין א מצב פון חצי זכאי חצי חייב, ווייל ב"ה עס זענען דא רוב זכויות, נעמט דאס נישט אוועק דיין כח אז דו זאלסט הייסן א "צדיק יסוד עולם"... דער טיטל בלייבט ביי דיר, דער כח בלייבט ביי דיר, און די זכויות בלייבן ביי דיר.

דאס אלעס איז כדי אריינצופירן א מענטש אין די סוגיא פון תשובה, ער זאל נישט אריינגיין אין די סוגיא פון תשובה חלילה מיט אַן עצבות, מיט א טונקלקייט, אדער חלילה מיט א שווערקייט. אדרבה, ער גייט אריין מיט אזא חיות און מיט אזא שמחה.

אזוי ווי מיר האבן אויסגעשמועסט די יסודות ווי לעכטיג עס איז:

- ווי מען איז מוחל אלע חובות.
- זיין באנק אקאונט ווערט צוריק אנגעפילט.
- עס איז ווי אַן אפעראציע אָן יסורים דורך דעם בעסטן דאקטאר.
- און ווי מיר שמועסן יעצט, ביסטו משפיע אויף די גאנצע וועלט די מימרא פון הייליגן רבי מאיר, און אזוי ווי מיר האבן יעצט געענדיגט די פסק הלכה פונעם רמב"ם, אז א מענטש איז מכריע די גאנצע וועלט לכף זכות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו טון תשובה שלימה מיט א שמחה - עס איז דאך א 'מצוות עשה' - מיט א חיות, מיט א פרישקייט און מיט א לעבעדיגקייט!

# דער געוואלדיגער כח פון א קבלה קטנה צו צוברעכן דעם יצר הרע

### צעברעכן די קייטן פונעם יצה"ר

אין דעם ענין פון תשובה איז דא א געוואלדיגער זאך פון מאכן א 'קבלה'. כידוע איז דאס מאכן א קבלה, אפילו א קבלה קטנה, א מורא'דיגע עצה צו צוברעכן די קייטן פון דעם יצר הרע.

אזוי ווי דער **אלטער סטאלענער** זי"ע האט געזאגט: **"דער יצר הרע איז ווי א 'קייט'. אז מען גיט אים א ריס, ווערט די גאנצע קייט צעפאלן!"** מיר האבן שוין גערעדט און געלערנט דעם כח פון א קבלה קטנה אין אנדערע מאמרים, אבער יעצט וועלן מיר ארומרעדן פון א קבלה קטנה וואס איז א דבר השווה לכל נפש, וואס דאס קען ממש טוישן דעם מענטש'ס גאנצע לעבן.

### רבי ישראל סאלאנטער: דער גרעסטער 'ביזנעס דיעל' אום יום כיפור

דער הייליגער **רבי ישראל סאלאנטער** זי"ע שרייבט אין זיינע בריוו אין 'אור ישראל' (אגרת ז') און ברענגט אראפ די חז"ל אין סוף מסכת תענית: "לא היו ימים טובים לישראל כיום הכיפורים". עס איז נישטא נאך אזא גרויסער יום טוב ווי יום כיפור, ווען א מענטש טוט תשובה און רייניגט זיך, און בפרט ווען דער אייבערשטער אליין רייניגט אים - עס איז נישטא קיין בעסערע זאך פון דעם. אויב א מענטש האט א חוב פון צען מיליאן דאלער און עס קומט איינער און ווישט אים אפ דעם חוב, איז דאך נישטא קיין גרעסערער יום טוב פון דעם.

זאגט דארט רבי ישראל סאלאנטער א מורא'דיגע זאך. ער פרעגט א שאלה: וואס איז די מאקסימום וואס א מענטש קען ארויסבאקומען און דערגרייכן די העכסטע און גליקליכסטע דרגה פון יום כיפור? וואס איז דער גרעסטער "געשעפט" וואס א מענטש קען מאכן דעם יום הקדוש?

זאגט דער הייליגער רבי ישראל סאלאנטער א מורא'דיג ווארט: **"ואין לנו מסחר הנושא פרי ורווח כמו לעשות הכנה בלימוד המוסר ולהתבונן להיטיב דרכיו עד אשר יבא לאיזה קבלה להבא מיום הכפורים"**. רבי ישראל סאלאנטער לערנט אונז דא א געוואלדיגע זאך: דער גרעסטער מסחר אין יום כיפור, און דער גרעסטער שכר וואס א מענטש קען מיטנעמען, איז אז ער זאל צוקומען צו מאכן כאטש איין קליינע קבלה. און די קליינע קבלה איז --- **לערנען אפאר מינוט 'מוסר' יעדן טאג.**

רבי ישראל סאלאנטער ניצט דארט אזא לשון: ווען א מענטש מאכט א קליינטשיגע קבלה יום כיפור, איז דאס **"אין ערוך לו בעניני תבל"**. ער זאגט אונז אז עס איז נישטא קיין בעסערע "ביזנעס דיעל" אין די גאנצע וועלט און אין די גאנצע בריאה, ווי דאס מאכן א קליינטשיגע קבלה אום יום כיפור!

### די עבודה פון רבי ישראל סאלאנטער און די שליחות פון מזכה זיין דעם רבים

לאמיר זיך באציען צו די ווערטער וואס ער שרייבט דארט אז די בעסטע קבלה קטנה איז, לערנען מוסר יעדן טאג, און זען די געוואלדיגע גרויסקייט פון דעם.

לאמיר דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן רבי ישראל סאלאנטער. כידוע איז רבי ישראל נישט בלויז געווען א צדיק אין זיינע ד' אמות, נאָר ער פלעגט ארומגיין פון שטאט צו שטאט מעורר זיין אידישע קינדער. ווי אויך צו זען וואו עס זענען דא גרעסערע כוחות זיי זאלן קענען ממשיך זיין דער דרך פון מוסר. אין אנהויב האט ער געוואלט זיין א צדיק נסתר און פראווען גלות, ווייל ער האט געזאגט אז עס שטייט אין די ספרים הקדושים אז דאס ברענגט צו מורא'דיגע מדרגות.

און צוליב דעם האט ער אנגעהויבן חזר'ן דעם גאנצן ש"ס מיט די ד' חלקי שולחן ערוך בעל פה, כדי ווען ער וועט ארומגיין אין גלות ווי א צדיק נסתר, זאל ער נישט דארפן מסיח דעת זיין פון לערנען.

ער האט אנגעהויבן לערנען ש"ס בעל פה און האט שוין געהאלטן אינמיטן האלב ש"ס, אבער פלוצלינג האט ער זיך אפגעשטעלט. פארוואס? ער האט געלערנט די מאמרי חז"ל איבער

דעם ענין פון "מזכה את הרבים" - וואס איז ידוע דעם מאמר הזוהר איבער דעם, אז **אויב א מענטש וואלט געוויסט וואס עס מיינט מחזיר בתשובה צו זיין א צווייטן, וואלט ער נאכגעלאפן מענטשן אין די גאסן דאס צו טון**.

האט רבי ישראל סאלאנטער דעמאלטס מחליט געווען: **וואס האט דער רבוש"ע דערפון אז ער וועט זיין א "צדיק אין פעלץ"?** ער האט באשלאסן צו ווערן א מזכה את הרבים, און דעמאלטס האט ער אנגעהויבן מפיץ זיין זיין תורת המוסר.

## די מעשה פונעם גביר און די צען מינוט לימוד המוסר

איין מאל איז רבי ישראל סאלאנטער געווען ביי א גרויסן גביר און אים מורא'דיג מעורר געווען צו תשובה און תיקון המעשים. דער גביר האט מסכים געווען און געזאגט: "איך בין גרייט זיך צו נעמען לערנען, אבער איך קען נאָר געבן צען מינוט א טאג, נישט מער". דער גביר האט אים געפרעגט: "וואס זאל איך לערנען אין די צען מינוט? גמרא? שולחן ערוך?" האט רבי ישראל געענטפערט: "דו דארפסט נישט לערנען גמרא אדער שולחן ערוך; איך וויל דו זאלסט לערנען מוסר פאר צען מינוט".

דער גביר איז געווען העכסט צופרידן און געזאגט: "א מחיה! ווען ער הייסט מיר לערנען גמרא אדער שולחן ערוך מוז איך אריינהארעווען, אבער מוסר איז דאך א גרינגע זאך".

עס איז אריבער א יאר, און ווען רבי ישראל סאלאנטער איז צוריקגעקומען, האט ער געזען אז דער גביר איז געווארן אַן אינגאנצן אנדערער מענטש. פרעגט אים רבי ישראל: "וואס איז געשען?" האט דער גביר געענטפערט: "**ווען איך האב אנגעהויבן לערנען די צען מינוט מוסר, האב איך פלוצלינג איינגעזען וויפיל איבריגע צייט איך האב באמת..**"

## די מורא'דיגע מעשה פונעם בעל 'מסורת הש"ס' און דעם של"ה הקדוש

מיר האבן יעצט געזאגט אז רבי ישראל סאלאנטער האלט אז דער בעסטער מסחר אום יום כיפור איז צו מאכן א קבלה קטנה, און מיר האבן געזען פון די מעשה אז די בעסטע קבלה איז צו לערנען מוסר.

מיר וועלן דערציילן אויף דעם א מורא'דיגע מעשה וואס ווערט געברענגט אין ספר 'באר יצחק'. עס שטייט דארט א מעשה נורא וועגן דעם ענין פון לימוד המוסר, וואס א מענטש זאל מקבל זיין יום כיפור - און בכלל ווען מען טוט תשובה - קובע צו זיין צו לערנען מוסר יעדן טאג; אפילו צען מינוט, פינף מינוט, אדער אפילו נאר צוויי מינוט, אבער מיט א קביעות.

די מעשה איז געווען אזוי: מיר וויסן אז היינט אין יעדן ש"ס, אויף יעדן בלאט גמרא, איז אריינגעדרוקט דער 'מסורת הש"ס'. דער בעל מסורת הש"ס איז געווען דער רב אין פראג און אין פראנקפורט, הגאון **רבי יוסף שמואל מקראקא** זי"ע. דער הייליגער **חיד"א** שרייבט אויף אים אין 'שם הגדולים' (מערכת הגדולים אות י' סימן קפ"א) אז ער האט דורכגעלערנט דעם גאנצן ש"ס 42 מאל! מען רעדט נישט דא פון לערנען בקיאות, וואס דאס האט ער זיכער געטון הונדערטער מאל, נאָר מען רעדט פון לערנען בעיון.

דער חיד"א זאגט דארט אז רבי יוסף שמואל האט מקיים געווען "ודברת בם", ווייל "בם" איז בגימטריא 42. ער פירט אויס אז ער האט אויך מקיים געווען "ויקדש בם", וואס מיינט אז ער איז געווען אַן איש קדוש ונורא. דער חיד"א דערציילט ווייטער אז ער האט 25 יאר געלערנט תורה בלויז שטייענדיג! ער פלעגט לערנען 18 שעה א מעת לעת אויף די פיס, אָן זיך אראפזעצן.

ער ענדיגט צו אז ער האט געלערנט "תורה לשמה", און זיינע ווערטער זענען געווען נשמע בשמים אזוי ווי איינער פון די ראשונים - ער איז געווען אין א בחינה פון "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", פונקט ווי דער ריטב"א, דער רשב"א, דער רמב"ן אדער רש"י הקדוש.

אצינד הערט די מעשה:

די הנהגה פון רבי יוסף שמואל אין די ישיבה איז געווען, אז בייטאג זענען אלע תלמידי חכמים אין ביהמ"ד געזעסן און געלערנט א סוגיא מיט א געוואלדיגע עיון. פארנאכטס פלעגט רבי יוסף שמואל געבן א שיעור אויף די סוגיא. אזוי איז עס געגאנגען יעדע נאכט.

ווען רבי יוסף שמואל איז נסתלק געווארן און זיין נשמה איז ארויף אויבן, איז געקומען די נעקסטע נאכט און אלע תלמידי חכמים האבן זיך געוואלט ווייטער מפלפל זיין. ווי נאָר מ'האט געוואלט אנפאנגען דעם שיעור, זעען זיי פלוצלינג ווי זייער רבי, רבי יוסף שמואל, זיצט אויף זיין בענקל. א פחד האט ארומגעכאפט דעם גאנצן עולם. וואס טוט זיך דא? די נשמה איז מלובש אינעם גוף און איז ווייטער דא אין ביהמ"ד! די פחד איז געווען איום ונורא.

האט רבי יוסף שמואל צו זיי געזאגט: "**האט נישט קיין מורא, איך גיי שוין צוריק ארויף אין גן עדן, נאר איך בין אראפגעקומען אהער פאר**

**א ספעציעלע סיבה. איך וועל אייך פארציילן**". ער האט זיי דערציילט אז ווען ער איז אוועק פון די וועלט, איז ער ארויפגעקומען אין מתיבתא דרקיע, איז ארויס א כרוז אין הימל: "**פנו מקום לרבי יוסף שמואל מקראקא!**" מ'האט אים געגעבן א פלאץ לעבן דעם הייליגן של"ה הקדוש.

אבער, זאגט ער, דער של"ה הקדוש האט נישט געוואלט אז ער זאל זיצן לעבן אים. פארוואס? ווייל דער של"ה הקדוש האט מחבר געווען א ספר מוסר מיט אסאך טרערן, "**און דו, רבי יוסף שמואל**", האט ער גע'טענה'ט, "**האסט טאקע פארגעלערנט דעם גאנצן ש"ס ברבים, אבער קיין איין מאל האסטו נישט געלערנט מוסר**".

מ'איז געגאנגען צו א דין תורה אין בית דין של מעלה, און דער פסק איז געווען אזוי: דער פלאץ לעבן של"ה הקדוש קומט אים טאקע און מ'קען עס אים נישט צונעמען, אבער ער מוז מאכן א תיקון אויף דעם ענין פון לימוד מוסר. רבי יוסף שמואל האט געזאגט פאר'ן בית דין של מעלה אז ער גייט עס מתקן זיין, **און ער האט זיך מקבל געווען אראפצוגיין צוריק אויף דער וועלט מעורר צו זיין זיינע תלמידים, פאר וועמען ער האט פארגעלערנט ש"ס ברבים, אז זיי זאלן קובע זיין יעדן טאג צייט צו לערנען דברי מוסר פאר'ן לערנען.**

ער האט געבעטן דעם גאנצן עולם אז זיי זאלן זיך עס מקבל זיין, כדי ער זאל קענען צוקומען צו זיין מנוחה לעבן דעם של"ה הקדוש. דער עולם האט זיך תיכף מקבל געווען, און ווי נאר זיי האבן דאס געטאן, איז ער צוריק ארויף אין גן-עדן. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

### דער 'מגיד' פונעם בית יוסף און די חשיבות פון ספרי מוסר

דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל וואס עס מיינט צו לערנען מוסר.

כידוע האט דער הייליגער '**בית יוסף**' געהאט א 'מגיד', און וואס ער האט געלערנט מיט'ן מגיד האט ער פארשריבן אין ספר 'מגיד מישרים'. דארט זאגט אים דער מגיד אז מ'האט אים געשיקט א שליחות פון הימל, אז ער זאל יעדן טאג לערנען דעם ספר 'חובת הלבבות' און די ספרים פון 'רבינו יונה'. דער הייליגער רבן של כל בני הגולה, דער בית יוסף וואס גאנץ כלל ישראל שטיצט זיך אויף אים, זאגט אים דער מגיד אז מ'האט פון הימל געוואלט ער זאל יעדן טאג לערנען חובת הלבבות און רבינו יונה. (אזוי ווערט אראפגעברענגט אין ספר מגיד מישרים, פרשת אמור).

**די מעשיות וואס מיר האבן פארציילט דארף געבן א מענטש א געוואלדיגע התעוררות אז ווען ער טוט תשובה, ספעציעל אום יום כיפור, און ער וויל מאכן א קבלה קטנה זיך מקבל צו זיין בלי נדר צו לערנען מוסר יעדן טאג, באקומט ער א נייע לעכטיגע לעבן.**

אין זכות פון די אלע צדיקים, און אין זכות פון דעם וואס מיר גייען זיך מקבל זיין צו לערנען מוסר, וועלן אוודאי די אלע צדיקים וואס האבן געפאדערט צו לערנען מוסר אונז ביישטיין. ווען א מענטש איז קובע א קביעות אין א ספר מוסר, ווערט דער צדיק זיין רבי און ער איז פאר אים א מליץ יושר אין גן עדן. זיי וועלן זיכער שטיין און זיין מליצי יושר אז מיר זאלן אלע האבן אויסגעבעטן אלעם גוטס, אמן!

## יארצייטן

# י"א תשרי - יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי הערש לייב מ'אליק זי"ע

### דער וואונדערליכער מעשיות מיט'ן מאמע פון רבי הערש לייב

י"א תשרי, מוצאי יום הקדוש, איז די יארצייט פונעם הייליגן רבי הערש לייב אליקער, **רבינו צבי אריה בן רבי גדליה** זי"ע. ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן זלאטשובער מגיד, און פונעם הייליגן מעזריטשער מגיד.

אין '**אמרות טהורות**' (סיפורי קודש ח"א) פארציילט הרה"ק דער ראחמיסטריווקער רבי זי"ע אַן אינטערעסאנטע זאך.

די מאמע פון רבי הערש לייב איז געווען א גרויסע צדקנית, און ווען זי איז געווען מעוברת פלעגט זי ארומגיין צו צדיקים כדי צו

באקומען ברכות, און זי פלעגט זאגן: **"איך טראג א שמואל הנביא!"**. מ'האט נישט פארשטאנען וואס זי מיינט דערמיט. אבער שפעטער האט זיך עס ארויסגעשטעלט, ער איז געבוירן געווארן מוצאי יום הקדוש, און פונקט צוויי און פופציג יאר שפעטער, מוצאי יום הקדוש, איז ער נסתלק געווארן. דעמאלטס האט מען געזען, און ס'איז הוברר הדבר למפרע, וואס זי האט געמיינט מיט דעם וואס זי טראגט א שמואל הנביא, ווייל ער האט געלעבט פונקטליך די יארן פון שמואל הנביא - צוויי און פופציג יאר.

נאך א מעשה פארציילט ער דארט, וואס ער האט געהערט פונעם **אליקער רבי'ן** זי"ע - אַן אייניקל פון רבי הערש לייב - בשעת ער האט עס פארציילט די מעשה פאר זיין שווער, דער **סקווערער רבי** זי"ע.

ווען די מאמע פון רבי הערש לייב איז געווען מעוברת און ס'איז שוין אנגעקומען די צייט צו געבוירן, איז שוין געווען יום הקדוש, און זי האט געשפירט אז זי גייט געבוירן אינמיטן יום הקדוש. זי האט אבער נישט געוואלט אז מ'זאל דארפן מחלל זיין יום הקדוש פאר איר, און זי האט אויך נישט געוואלט דארפן אויספאסטן יום הקדוש. האט זי געבעטן: **"מיין קינד, ס'קומט דאך א הייליגער טאג, צושטער מיר נישט דעם הייליגן טאג"**. און ער איז טאקע געבוירן געווארן ערשט מוצאי יום הקדוש.

## געדענקט די צורה פון בעש"ט הק'

רבי הערש לייב פון אליק האט אליין פארציילט, אז **ער געדענקט די צורה פונעם הייליגן בעל שם הקדוש**.

לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין, ווייל ער איז געבוירן געווארן שנת תק"כ מוצאי יום הקדוש, און כידוע איז דער הייליגער בעל שם הקדוש נסתלק געווארן שבועות תק"כ.

ווי אזוי שטימט עס טאקע אז ער זאל געדענקען די צורה פונעם בעל שם הקדוש?

רבי הערש לייב פון אליק פלעגט אליין פארציילן די מעשה: דער הייליגער בעל שם הקדוש פלעגט דאך ארומגיין, כידוע, אין די דערפער אויפצוזוכן נשמות קדושות און מקרב זיין אידישע קינדער לאביהם שבשמים. איינמאל איז דער הייליגער בעל שם הקדוש דורכגעגאנגען דעם דאָרף וואו זיין מאמע האט געוואוינט בשעת זי איז געווען מעוברת מיט אים. האט דער הייליגער בעל שם הקדוש געזאגט פאר די תלמידים אז ער שפירט גאָר א הויכע נשמה אין דעם דאָרף, ביז ער איז אנגעקומען צו די שטוב פון רבי הערש לייב'ס עלטערן.

דעמאלטס איז די מאמע, די גרויסע צדקנית, געווען אינדרויסן און געוואשן וועש. מ'האט ביי איר געפרעגט צי דער הייליגער בעל שם הקדוש מעג אריינקומען אינעווייניג, ווייל ער וויל זען דאס קינד. זי האט געזאגט יא, און דער הייליגער בעל שם הקדוש איז אריינגעגאנגען, ער האט זיך געדרייעט דארט אין שטוב פאר א שטיק צייט, און נאכדעם איז ער ווייטער געגאנגען.

האט רבי הערש לייב געזאגט, אז דעמאלטס איז אים נחקק געווארן די צורה פונעם בעל שם הקדוש, און ער פלעגט מצייר זיין פונקטליך וויאזוי דער בעל שם הקדוש האט אויסגעקוקט. און די תלמידים פונעם בעל שם הקדוש האבן באשטעטיגט אז טאקע גענוי אזוי האט דער בעל שם הקדוש אויסגעקוקט.

פון דעם זעט מען די געוואלדיגע קדושה וואס די הייליגע צדיקים האבן געהאט נאך פון די ימי הילדות.

## די קדושה פון זען א צורה פון א צדיק

מיר ווילן דא פארציילן א מעשה וואס די נקודה דערפון איז מ'זאל פארשטיין וואס עס מיינט פאָרן צו צדיקים און מקבל זיין פני רבו, ווי די **גמרא** (ר"ה טז, ב, וסוכה כז, ב) זאגט "חייב אדם להקביל פני רבו ברגל", און ווי עס שטייט אין די ראשונים (רבינו חננאל, ריטב"א, ועוד) אויב ער וואוינט אין די שטאָט דארף מען זען אים מקבל פנים צו זיין יעדן טאג. דער **מגן אברהם** (או"ח סי' תקנ"ד סקי"ב) רעדט שוין אויך דערפון.

די מעשה וואס מיר גייען פארציילן וועט אונז געבן א שטיקל פתח צו פארשטיין וואס עס מיינט ווען מ'האט געזען די צורה פון א הייליגן רבי'ן און וואס דאס האט משפיע געווען.

דער הייליגער רבי הערש לייב פון אליק איז אמאל געווען אונטערוועגנס, און ער איז אריינגעגאנגען נעכטיגן אין אַן אכסניא. ווי נאר ער איז אריינגעקומען, זעט ער פלוצלינג ווי די מענטשן דארט שאַרפן זיך די מעסערס. ער האט גלייך פארשטאנען אז ער איז אנגעקומען צו א הויז פון שודדים ורוצחים.

רבי הערש לייב פון אליק, וועמענס יראת שמים איז געווען אויף אזא הויכע דרגה, האט זיך בכלל נישט דערשראקן פון זיי. ער איז געגאנגען אין א ווינקל, געליינט קריאת שמע על המטה, און געזאגט: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל קענען שלאפן רואיג". דאס הייסט, רבי הערש

לייב אליקער איז אנגעגאנגען מיט זיין עבודה, ער דארף זיך יעצט צושפארן די אויגן פאר א שעה-צוויי, נאכדעם דארף מען אויפשטיין פראווען תיקון חצות, לערנען פארן דאווענען און דאווענען שחרית, דעריבער מוז מען זיך יעצט אפרוען. הגם ער געפינט זיך אין א הויז ארומגערינגלט מיט שודדים ורוצחים, האט עס גארנישט געהאט מיט אים. ער האט נאך צוגעלייגט א תפילה און געבעטן דעם רבונו של עולם אז ער זאל שלאפן רואיג, און ער האט זיך טאקע צוגעלייגט.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט צו זיין הייליגע עבודה פון תיקון חצות און לערנען פארן דאווענען, זעט ער פלוצלינג ווי די חברה ארום אים זאגן אים: **"רבי, איר ווייסט גארנישט וואס פאר א רבי איר זענט, איר ווייסט נישט וואס פאר א ראבינער איר זענט!"** זיי האבן אים געזאגט: **"גייט לחיים ולשלום"**. מיט אנדערע ווערטער, זיי האבן אים געזאגט אז ס'איז אויף זיי געפאלן אזא שרעק אז זיי האבן גארנישט געקענט טון אים ווי צו טון.

דאס איז דער כח פון יראת שמים וואס די צדיקים האבן געהאט, אז אפילו רוצחים און שודדים האבן מורא געהאט צוצוקומען צו זיי. קל וחומר בן בנו של קל וחומר, די תלמידים און חסידים וואס זענען געפאָרן צו אים, קען מען זיך פארשטעלן וויפיל יראת שמים מ'האט געשעפט נאָר פון אנקוקן די צורה פון דעם צדיק.

## די תשובה און התקשרות פון די גנבים

די מעשה האט א המשך.

נאך א שטיק צייט, ווען רבי הערש לייב פון אליק איז געווען ביי זיך אין שטוב אינמיטן לערנען, זעט ער פלוצלינג איינעם פון יענע רוביערס! יענער איז צוגעגאנגען, אריינגעלייגט א פדיון פון הונדערט רובל אין זיין גמרא, און גלייך ארויסגעלאפן. דאס טייטשט, **נישט נאָר זיי האבן באקומען א פחד פון אים, נאָר זיי האבן אפילו באקומען א קשר און אהבה צו אים, אז זיי זענען ספעציעל געקומען ברענגען א פדיון**. דאס איז די גרויסקייט פון צדיקים.

דאס דארף ביי אונז אריינשיינען א מורא'דיגע אמונת צדיקים, צו פארשטיין וואס עס מיינט ווען מ'איז געפאָרן צו א צדיק וואס האט משפיע געווען אזוי שטארק, אז בלויז מיט א בליק האבן זיי געקענט ווארפן א פחד, און זיי האבן זיך געקענט אזוי מקשר זיין אז אפילו גנבים זאלן שפעטער וועלן ברענגען געלט פאר פדיונות.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.


## פרנסי חודש תשרי

השיעורים על הטעלעפאון ליין
נתנדב ע"י
הרה"ח ר' חיים מנחם ראזינגער הי"ו
לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים

הגליון באידיש נתנדב ע"י
הרה"ח ר' חיים צבי הירש הי"ו
לע"נ אמו האה"ח חנצי ע"ה
בת יבלחט"א ר' מרדכי הי"ו
נלב"ע א' תשרי - ראש השנה
ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון בלשה"ק נתנדב ע"י
הרה"ח ר' שמעון דרוממער הי"ו
לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים

זכות לימוד התורה דרבים תגן בעדם להתברך בכל מילי דמיטב, וישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'

זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער טאג

דורך שעפן חיזוק אמונה און ביטחון,
השקפת החיים און ידיעת התורה פון די

# ענדלאזע תורה קוועלער

| | | |
|---|---|---|
| חיזוק בעניני עבודת השם 3 | אמונה ובטחון 2 | צווי מינוט חיזוק א טאג 1 |
| מלוה מלכה פול מיט חיזוק 6 | שבת קודש 5 | חיזוק בנסיונות החיים 4 |
| ימים טובים 9 | קברי צדיקים בארץ הקודש 8 | יארצייטן 7 |
| שיעורים בספרי מוסר חסידות 12 | אוצר הידיעות 11 | שיעורים כלליים - שו"ת 10 |
| ENGLISH MAIN MENU 25 | אלע נייע שיעורים 0 | פאר נאך שיעורים 13 |

צו ספאנסערן
אדער פאר
פאזעטיווע
קאמעטארן קען
מען זיך ווענדן צו

הרה"ח ר'
**חיים מנחם**
**ראזינגער** הי"ו

347.570.0413

מען קען אויך הערן די
שיעורים פון רב אויף:

## קול נשמותינו

**אידיש:** ‎#1 718.760.1111
**ענגליש:** ‎#1 718.759.1111

## עינים ליין

718.977.5554
במוצש"ק ‎#0
במשך השבוע 1-2-7-4

א פרישע וואך
פול מיט חיזוק

שיעורי
פרדס התורה
בנשיאות הרה"ג רבי
יששכר י-הודה בערקוי
שליט"א · אב"ד

## קול פרדס התורה

# 718.506.9694

צו באקומען די גליון און שיעורים אויף אימעיל שיקט 'Subscribe' צו
shiurimlishmo@gmail.com

# סימן טוב ומזל טוב

בשיר ושבח ותהלה לרוב, נשגר ברכת מזל טוב, להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה, אוצר כלי חמדה ומאוד נעלה, מרבה להיטיב, עומד לימיננו בימין צדקו בתדירה, וטרם נקרא לו ויאמר הנני הנני בפנים מאירה, שמו הטוב הולך לפניו לשם ולתהלה, ונודע בתוך אמוני עם סגולה, במסירות בנדיבות בשמחה ובפנים מאירה, לו יאתה כל שבח ושירה, ה"ה

איש אמונים, יקר מסגונים, בחכמה פותח שערים ודברים, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם איש האשכולות, רב תבונות בפנים מסבירות, איש חי ורב פעלים, ומה נפלאים

הרב החסיד המפואר והנעלה

**מוה"ר**

# שלמה קליין

**הי"ו**

יו"ר המערכת

**הוא הגבר אשר בכשרונותיו הברוכים עומד על הפקודים במסירת נאמנה, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, ועוסק בצרכי ציבור באמונה בלב טוב להטיב עם זולתו בהצנע לכת בהשכל ובדעת, ובטוב לבבו עומד ומסייע בכל מיני אופנים בגוף ובממון, בעצה ובמעשׂ.**

**אשרי לו וחלקו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו!**

לרגל תת ה' שמחה במעונו

## בהולדת בנו למזל טוב!

ואילין מיליא, יהון לרקיעיא, רבון עלם ועלמיא, שיזכה לגדלו ולחנכו לתורה ולתהלה, ויזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח זרע ברך ה', בנים ובני בנים, נטעי אמנים, ויזכה עוד רבות בשנים להגדיל ולהרבות פעלים לתורה, להרחבת גבולי הקדושה, ולהמשיך בפעלו הכבירים מתוך אושר ועושר וברכת ה' מלא, ויעלה מעלה מעלה על אדני הצלחה והברכה, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא, אמן.

כה דברי ידידיו, המברכים מעומק הלב
מוקירי פעולתו, מעריכים כערכו
בשם כל בית ישראל

## מערכת פרדס התורה

סבבא

טבלא

# ביהמ"ד פרדס התורה

## בית חנצי

ע"ש האשה החשובה מרת חנצי ע"ה בת ר' מרדכי הי"ו

672 Myrtle Ave.

# סדר הזמנים

## יום הקדוש

| הדלק"נ | מוצאי יו"ט |
|---|---|
| 6:41 | 8:06 |

### ליל יום הקדוש

דרשת כל נדרי ........ 7:10

מעריב ........ בזמן ר"ת

שיעור בענין 'עבודת כהן גדול ביום כיפור' אחר שיר היחוד

### יום הקדוש

שחרית ........ 8:30

מוסף יזכור ........ 1:30

מנחה ........ בערך 5:30

שיעור בגודל קדושת 'נעילה' אחר מנחה

נעילה ........ 6:30

ויו"ט הי' עושים בצאתו בשלום מן הקודש...

בברכת גמר חתימה טובה

**הנהלת הקהלה**